# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

483 41סטער יארגאנג ספטמבר 1980 לאנדאן

אינהאלט

| | | זייט |
|---|---|---|
| ווייטשעפל און ימים-נוראים לידער | א.נ. ש. | 2 |
| יידיש | אסתר ערליכמאן | 13 |
| ניט צו שפעט . . . [ליד] | עלא זילבערג | 14 |
| אן אסיפה וועגן יידיש | אייזיק גאלדבערג | 15 |
| א בריף פון אמעריקא | פיליפ אלווין | 17 |
| יידיש טעאטער אין ענגלאנד | הערי אריעל | 18 |
| ס׳איז שוין אלץ איינס [ליד] | אייזיק גאלדבערג | 19 |
| א נסיעה פאמעלעך | סילוויא שירלי | 20 |
| ד״ר יעקב מייטליס צו אכציק | יוסף לעפטוויטש | 27 |
| א בריוו פון ד״ר ש. לעווענבערג | | 28 |
| קלינגער — א בן שבעים | ש. גאלדשמידט | 29 |
| חכמים הזהרו בדבריכם! | י.ח. קלינגער | 31 |
| לידער | א. נ. שטענצל | 32 |
| 40 יאר ״לשון און לעבן״ | • • • | 39 |
| 40 יאר ״לשון און לעבן״ | דוד קאץ | 40 |

רעדאגירט: א.נ. שטענצל
פרייז: 30 פענס
יידיש-ליטעראַרישע שבת-נאכמיטאגס 3 אזייגער באומאנטס גראוו, א.1.

Published and edited by A. STENCL, 7 Greatorex House, Greatorex Street, London, E.1, and printed in England by Cazenove Printers, 9 Cazenove Road, London, N16 6PA. (01-806 1026)

צוויי נחלות האבן מיר געקויפט,
ביידע באצאלט אין בארן געלט,
און די מאמע רחל דווקא
ליגט פארלאזן אינמיטן פעלד —

און ארום ירושלים
אייביקער גערא־נגל גייט אן!
יא, פארן הייליקסטן מוז ס'הארץ
פלאטערן — נישט רק ג'ווינד די פאן.

דאס שפיל דעמלט פון דודן,
ווער מעג משיג זיין, ווער פארשטיין?
ס'איז דער געראנגל גאט און מענטש
ביז לעצטער רגע אנצוגיין.

פאר ליבשאפט מ'קאן נישט באצאלן —
אייביקע מלחמה ס'מוז זיין!
„עזה כמות אהבה",
אויפצאפל פון אייביק געוויין. —

א, ווען שוין קומען יענער טאג
איבערן מענטש און איבער וועלט,
און אויף הר אלוקים די פאן
פונם וועלט־שלום אויפגעשטעלט!

## פאר דער כותל

א

און אז די כותל וועט בלייבן שטיין
אן אלמנה אינגאנצן אליין,
קיין יתום־געוויין אויף איר געשטיין,
א טרער מער אויף איר נישט טון קיין שיין —

אין צער שוין אינגאנצן אויסצוגיין — —
א, קל־רחום, וואס וועט דעמלט זיין?
דאס טאר מער נישט געשען — ניין, א, ניין!
דעמלט וועט קדוש־ברוך־הוא אליין.

פון כסא־כבוד ארונטערגיין
א געבוינגענער איבער איר שטיין — —
און פון זיין געוואלטיק גרויס געוויין,
די גאנצע וועלט פון פחד אונטערגיין.



ב

און אז די כותל וועט בלייבן שטיין
אליין — קיין געוויין אויף איר געשטיין,
קיין טרער מער אויף איר נישט טון קיין שיין,
א, גאט, וואס שוין דעמלט פון דיר זיין?

ניין, דאס טאר נישט געשען — וועט נישט זיין!
דעמלט, כביכול, דו אליין
פון כסא־כבוד ארונטערגיין
א געבויגענער איבער איר שטיין —

א צעבראכענער ייד אזוי קליין!
און פון זיין געוואלטיק גרויס געוויין
די גאנצע וועלט, חלילה, אונטערגיין — —
ניין, דאס טאר נישט געשען, וועט נישט זיין!

## „אל תשלח ידך אל הנער"

איז דען נישט דער אבן־שתיה
פון ירושלים די הייליקייט,
ווען אברהם מיט שארפן מעסער
געשטאנען איבער זון שחטן אים גרייט?

„אל תשלח ידך אל הנער"!
ווען נישט יענער הייליקער אויסגעשריי
טאטעס נאך היינט געשחטן קינדער,
און גאר גרויס הנאה געהאט דערביי.

שחטן זיי דאך דערפאר ווי שעפסן
ביזגל היינטיקן טאג אונז נאך אצינד,
ווייל די פרייד זיי אוועקגענומען
אליין צו שחטן דאס אייגענע קינד.

אז וואס זיינען דען די מלחמות,
איינס אויף צווייטן די פעלקער שטייען אויף?
אפנים שוין ציען זיך אזוי
דור־דורות־לאנד ביזגעלע צום אין־סוף.

## „ממשה עד משה לא קם כמשה״

... משהס אויגן אפן געבליבן
ווען נסתלק שוין ר׳איז געוועזן,
און גאט דערשראקן איז געווארן
וואס פון זיי ארויסגעלעזן.

א מורא גאט ארומגענומען,
האט ער די לבנה צעבראכן,
שערבלעך געלייגט אים אויף די אויגן,
פארצערט אין הימל פארקראכן.

אז א מענטש אזוי גרויס קאן ווערן,
און אזוי ווייט און הויך דערגרייכן,
קיין פארבארגעניש מער הימל שוין,
אפילו נישט די העכסטע הייכן.

און דערפאר אויך איז משהס קבר
אויף אייביק פארבארגן געבליבן,
קיין בשר־ודם ארויסליי׳נען
וואס אין די אויגן ס׳איז פארשריבן —
— — — — — — —
— — — —

אויב צו אונז גערעדט ר׳האט בייזע רייד,
צו גאט זיינע אויגן געשריגן — —
אז ווער זאל עס נישט ארויסליי׳נען,
אויף זיינע אויגן שערבעלעך ליגן.

נישט געזעצט זיך אויפן כסא־הכבוד
אין הימל גאט ארויפגעקומען —
„שבעה״ אויפן פוסנבענקעלע,
פון טיפן צער ארומגענומען.

## ס׳תהלימל און ס׳געזאנג פון שירר השירים

א

אזא תהלימל אנצושרייבן,
די ווערטער מ׳זאגט און ס׳הארץ הייבט אן צו גלייבן.

מ׳זעט א גאט אין הימל ביים ליי׳נען,
און מ׳האט פאר וועם ס׳הארץ אויסצואוויינען.

דאס זיינען נישט פערזן־פראזן לידער —
געפאלן הארץ פאלט אויף קני אנידער.



ב

ווי ס׳תהלימל אזוי שיר־השירים,
פון די חולת־אהבה יסורים.

די גרעסטע פרייד אין הארץ ווערט באשאפן —
מענטש אין מענטש אין ליבשאפט זיך פארגאפן.

אויגן פיל פרייד, פול אהבה־טרערן —
פון געקוויטש, געוואי, ווערטער ווערן.

ג

אז וואס וואלט דאס מענטשלע געוועזן,
די צוויי ספרים נישט געהאט צום לעזן ?

וויאזוי זיך אן עצה געגעבן
אדורכצושפאנען ס׳שטיקעלע לעבן ?

און אן דעם ווארט גאט אויף די ליפן
ווען דאס הארץ פון צער טוט זיך צעכליפן ?

## שלמה המלך

פערציק יאר שלום געווען אין ישראל !
קיין קריג געפירט, בית־מקדש אויפגעשטעלט
אין די צייטן פון שלמה המלך.

זיין חכמה געווען די טויזנט ווייבער ;
פון יעדן קעניג א טאכטער גענומען,
און גיי פיר מלחמה מיט אן אידעם.

בלויז מיט טויזנט ווייבער אויסצוקומען,
נישט נאר א שיר־השירים אנשרייבן —
א משלי און קוהלת מ׳מוז אויך קענען.

## גלות־גאנג

ווי געוואלטיק גרויס אונזער גלות־גאנג,
אין אלע וועלט־טיילן ווייט און ברייט צעשפרייט ;
ביז צו אלע העכסטע הימל־הייכן
דערגרייכן אונז׳רע יידישע תחינה־רייד —

אז וואס רעדט מען דען אויבן אין הימל!
און מיר האלטן אין איין ריידן ״יידיש שטארבט״;
נישט דערלעבן וועלן מיר פארגעסן
ס׳לשון אין אונזערע שטרענס איינגעקארבט.

אויב די ליפן בלוטיק מיר פארבייסן,
ריידן מיר דאך יידיש מיט אונזערע הענט;
צי איז דען נישט פונם מינדסטן ייד
יידישלעך זיין בויג פון גוף, פון אויג אין ווענד —
— — — — — —

ווי געוואלטיק ביטער ס׳איז דער גלות,
אזוי צוקער־זיס ס׳איז דאס יידישע ווארט — —
ווי זיס וועט ישראל אצינד ערשט ווערן,
אז יידיש־לשון איז שוין כשר אויך דארט.

## ר׳ לוי יצחק בארדיטשעווערס הושענא־רבה

דער בארדיטשעווער הושענא־רבה
אין בית־המדרש ארייננעגאנגען,
געטראפן מרדכין דעם וואסער־טרעגער
מיט די צוויי גאר פולע וואסער־קאנען.

א בעל־מגושם ער איז געווען,
א גאר בריים־צעוואקסענער, א דיקער,
האט ער אים טאטעדיק ארומגעכאפט,
פון געוואלטיק־ליבשאפט ממש שכור:

״אזויפיל ייד, אזויפיל ייד, א גאט,
און אזעלכע גרויס וואסער עמער״ — —
גיך דערלאפן אין בית־מדרש אריין,
און טיף צוגעפאלן צום מעלעמער:

״טאטע־פאטער, טאטע זיסער, נעם דאך
דיר אראפ א מוסר פון דעם יידן,
פיל אן אלע שטובן מיט אלדעס גוטס,
זיין וואס צו קאכן און וואס צו זידן!״

״עמך ישראל צריכים פרנסה!״
האט ער געציטערט אונטער קיטל:
״אז ווער ווי דו איז נאך אזא גוטער,
שרייב אן פאר יעדן א גוט קוויטל!״



## ווען דער הייליקער קאצקער

אליין נאך פון אן אלטן
קאצקער עס געטון הערן,
און אין די אויגן זיינע
געגליט פריידיקע טרערן:

״ווען דער הייליקער קאצקער
צום פסוק צוגעקומען:
״כי עפר אתה ואלי׳ — —
האט ער שרייען גענומען;

ביז בלוט גענומען שפריצן,
זיינע ליפן פארביסן:
יא, שטארבן זאל מען, שטארבן!
נאר וויסן זאל מען וויסן!!״

## ס׳נעמלעך נעבעך

[געווידמעט דעם גאסן־קערער פון מיין געסל]

און אז כ׳וועל שוין שרייבן נאך א לידל,
א לויב צו דער וועלט, צי גאר א זידל,
די זעלבע ווי ז׳איז זי וועט שוין בלייבן,
וואסער שיינע ווערטער נישט צוקלייבן.

און דעריבער וואס איז גרויס דער חילוק,
צו אלעם איך בין שוין גרייט און וויליק — —
נישט דערגיין שוין פון וועלט אסך מערער
ווי אינם דרויסן דער גאסן־קערער.

וויפיל ער זאל נישט קערן און קערן,
ס׳מיסט אלץ כסדר ס׳וועט ווידערקערן,
און ער אין האנט מיט בעזעם וועט בלייבן —
ס׳נעמלעכע נעבעך אויך מיט שרייבן.

• • •

אז וואס־זשע וויל מען דען מיטן לידל,
אמאל מיט געבעט, אמאל מיט זידל —
אז אין וועלט אביסל בעסער ווערן,
מערער שמחה און ווייניקער טרערן.

## יום-כפור ביי די עשרה הרוגי-מלכות

ווען דער טאטע מיך אונטער זיין טלית
ארונטערגעכאפט האט און זיך צעוויינט
ביי די ״עשרה הרוגי מלכות״ — —
זיינע טרערן אויף מיין קאפ כ׳שפיר נאך היינט.

ווי ער אינגאנצן געציטערט איך האב,
א קמץ־אלף ייִנגל נאך, א קינד — —
מער ווי אכציק יאר שוין אוועק דערפון,
כ׳דערמאן מיך דערין, כ ציטער נאך אצינד.

האט ער געפילט דאס־א וואס גייט קומען ?
אזוי צו וויינען, ממש אויסצוגיין —
— — — — — —

ביי יזכור אצינד נאך די זעקס מיליאן,
אז דאס הארץ פון גרויס צער בלייבט נישט שטיין —

ווי דאס משיג זיין, ווי דאס צו פארשטיין ?

## פון אבר״הם אבינו אן

א

עס איז די אלטע מחלוקה נאך,
מאמע שרה און הגר די דינסט — —
דור־דורות נאך זי וועט דויערן !
קיין גאט און קיין טייוול ענדערן קען,
ווייל אזא ס־בן־אדם מענטשעלע.

ווי ר׳זאל נישט דרייען אהין אהער —
ס׳בלעטל מישן אזוי צי אזוי,
דער מענטש ווי געווען אזוי בלייבן ;
פאר אלע זיינע מעשים טובים
טראגן דעם שכר לעולם ועד.

די מחלוקה טאקע צו קריגן
אנגעהויבן דווקא די מאמע,
כאטש די מיינסטע טרערן פארגיסט זי — —
אבער ס׳איז דאך דער טאטע, דער זון,
וועמענס בלוט הערט נישט אויף צו זידן.

ב

א, דער געראנגל מדור לדור
און דער בטחון פון טאג צו טאג,
און די טרערן נישט אויפצוהערן ;
דאס בלוט אונזערס דאס פארגאסענע
איבער אלע שבעה ימים שוין —
— — — — — — —



אויסגעוויילט זיינען געווארן מיר
פון אונזער ערשטן אור־טאטן אן,
גאטס גרויסע מחלוקה צו פירן
און דעם גרעסטן שלום צו מאכן — —
פון אברהמען אן ביז היינט־צו־טאג !

און וועלן מיר עס דערגרייכן — וועט
שלום ווערן צווישן מענטש און מענטש,
ברידערלעכקייט צווישן פאלק און פאלק,
אויב נישט, צווישן פאלק און פאלק די שווערד,
האס צווישן מענטש און מענטש נישט אויפהערט.

## נישט מיליארדן — די הייליקע בענקשאפט

א

איבער דריי מיליאן יידן
אין פוילן געווען אמאל,
טא זיינען פונקט אויפיל
אצינד אין ארץ־ישראל —

מקוים געווארן ס׳איז
דאס, וואס זיי האבן געגלויבט !
די אין איצטיקע לענדער
צעווארפענע און צעשטויבט.

אויב זיי וועלן אויך הייליק,
פונקט ווי זיי גלויבן דערין,
וועלן זיי אויך דערלייזטע,
מירצעשעם, קומען אהין.

ס׳זיינען נישט די מיליארדן,
ס׳איז די הייליקע בענקשאפט !
פון מעכטיקסטע כלי־זיין —
ס׳איז שטארקער פון גלויבן קראפט.

ב

ס׳ארץ־ישראל פושקעלע
געהאנגען ארעם אויף וואנט,
גראשנס געווארפן דערין
הייליק־ציטערדיקע האנט.

מער ווי אלע מיליארדן,
שטארקער ווי אטאם־געווער,
די תחינה ביים ליכט־בענטשן,
אין אויג מאמעס הייסע טרער.

די שטראל־צעגליטע טרערן,
ס׳צעשפרייטן די מוטער־הענט,
אז צו אלע וויטאגן
טוט טוען קומען אן ענד —

נאך ביז צום היינטיקן טאג
כ׳הער אין פושקעלע דעם קלאפ,
און כ׳זע פון מאמעס אויגן
טריפנדיק טרערן־קאפ — —
— — — — — — —

• • •

...אויב נישט רק פאליטיק־שפיל
ארץ־ישראל איצט פול זיין,
מיט בענקל און באנק־ביכל
בראש יעדער וועלן שטיין —

גאנצע וועלט צו דערלייזן
משיח וועט קומען צו גיין,
וואס טויזנטער יאר געגלויבט,
וואר ווערן — אמן ואמן.

## י י ד י ש

ווען הארץ געציטערט,
אויסצוגיין פון געוויין,
דאס יידישע ווארט,
די טרייסט געווען אליין.

און ביז היינט צו טאג,
עס איז נאך אלץ אזוי,
ס׳עפנט זיך אויף און
ס׳רייסט זיך ארויס אן אוי —

אויף יידיש א ליד!
ווען איך קאן שוין נישט מער —
עס איז נישט קיין ווארט —
ס׳איז די מאמעס א טרער.

און אט־א א צינד,
נישט אז איך איבערטרייב —
טויט מיך געפינען,
אייב די שורות נישט כ׳שרייב.

צערדריקט געווארן,
פון עפעס א געפיל,
און אויסגעגאנגען — —
פארשוויגן שא אין שטיל.

מיט א זיפץ, אן אך,
מיט פארביסענער ליפ —
פון הארצן ארויס,
מיט א טרער טיפן כ׳ליפ.

אדער אויף האקן,
אין באלטן וואס שטעקט!
נאך וואס דאס מענצען,
אין א סוף אין געעקט —

ז׳אס יידישע ווארט,
מיט מיין מאמען איך רעד,
איך שפיר ווי איר האנט,
מיין צעווייטאגט הארץ גלעט.

## מאמע-לשון

נו, מילא, מען ווארט שוין אפ
די ירושה איינצוטיילן — —
אבער ווען מען זוכט ס׳קניפל
אונטערן קאפן־קישן — —
די טיפה וואונד ווער קאן היילן?

ליגט זי אין איר ווי־און־ווינד,
אירע אויגן פול מיט טרערן;
״ווען איך וועל גאנץ שוין טויט זיין,
וואס פאר א מיני־מענטשן
מיינע קינדער דעמלט ווערן?

״קינדערלעך, מיינע ליבע,
וואס א מאמע מוז דערלעבן!
גאטעניו שטארקער, טײ׳רער,
וואס אלצדינג א מאמע־הארץ
מוחל זיין זאל און פארגעבן — —״

מוז מען ערשט ווערטער האבן,
פארשטיין מ׳קען זיך מיט די אויגן,
״זיינען דאס מיינע קינדער,
מיט מיין הארץ־בלוט זיי געזויגן?״
צו דער וואנט זי דרייט זיך אויס:

## א קוויטל אויף מאמע רחלס קבר

״ואני״ — — נישט ווי די האסט געמיינט,
אז די רויז געקויפט דיר זי צו געבן — —
אויב אזוי האסט געטון טון טראכטן,
בעט איך דיך פון גאנצן הארץ מיר פארגעבן.



כ׳געב זי דיר מיט אויף מאמע רחלס
קבר זי דארט א נידער צו לייגן,
זי זאל לויפן בעטן פאר אירע
קינדער — איינרייסן און נישט שווייגן!

נייע נבוזרדנס שטייען אויף,
״דיינע קינדער ווידער צו פארטרייבן,
און איך קאן אים נישט אויסזינגען דעם
״ואני״ ווי אמאל מ׳זאל מיר גלייבן —

אבער קוק דאך די רויטע רויז אן,
״זאל עס דיך אין אונזער בלוט דערמאנען:
און לויף בעטן און וויינעם אויבן,
אויב ס׳איז דאך א כאל־רחום פארהאנען״.

## אסתר ערליכמאן: יידיש

געווען איז דאס מיט פינף און צוואנציק יאר צוריק ווען איך בין געקומען אין ישראל האב איך זיך צו מיין גרעסטער איבערראשונג, דערוויסט אז יידיש איז א מינדערווערדיקע שפראך און עס איז ניט שיין צו ריידן און לערנען. און נאר עברית, און די מיט ניסים גיראטעוועטע יידן וואס זיינען געקומען אין זייער אייגן לאנד זיינען פלינק געווארן אן א שפראך, ווייל זייער יידיש איז א גלות־שפראך.

אין מיינע ערשטע קינדער יארן האב איך זייער גוט געקענט העבעריש ניט עברית. מיינע ברידער און שוועסטער האבן אויך גוט געקענט העברעיש, אבער ביי אונז אין דער היים האט מען נאר גערעדט יידיש און אומעטום האבן יידן גערעט יידיש אט דער שיינער יידיש אונזערער איז געווען און וועט בלייבן איינגעווארצלט אין אונזער לעבן ווען אפילו מ׳קען אנדערע פרעמדע שפראכן, מיר האבן היינט א רייכע יידישע ליטעראטור וואס איז איבערגעזעצט אויף אלע פרעמדע שפראכן אין דער וועלט.

מיר האבן לײדער פארלארן זעקס מיליאן וואס האבן גערעט יידיש. זייער אנדייק איז אונז טייער, מיר היטן און צערטלען אונזער לשון, עס דערציילט אין זיינע זכרונות דער גרויסער שרייבער טרונק, אז ער האט אנגעשריבן זיין ערשטע דערציילונג אין העברעיש און איז מיט איר געגאנגען צו י.ל. פרץ צו הערן זיין מיינונג, האט עס פרץ אנגעקוקט און אים געפרעגט פארוואס האט איר ניט געשריבן אויף יידיש, וואס עס פאסט איך ניט? גייט שרייבט עס איבער אויף יידיש און קומט צו מיר א רויף, דאס באווייזט אונז די חשיבות פון יידיש, עס האט מיר דערציילט איינער וואס האט באזוכט ישראל, און איז געגאנגען מיט ביאליקן שפאצירן אויף א בארג א רויף און ביאליק האט גערעט יידיש האט ער עס געפרעגט ווי קומט דאס וואס איר זייט אין ישראל און איר רעט יידיש? האט ביאליק געענטפערט, וואס ווילט איר איך זאל קריכן אויף א בארג און

נאך ריידן עברית? עס איז צו שווער, יידיש רעד זיך אליין. אונזערע גרויסע שרייבער און דיכטער האבן געשריבן אויף יידיש און האבן זיך און אונז ניט פארשעמט, איך ווייס פון ניט יידן וואס האבן זיך אויסגעלערנט יידיש און אויך העברעיש.

די וואס ווילן אונז איינריידן אז יידיש גייט אונטער מאכן א גרויסן טאעס עס איז גאר פארקערט, יידיש לעבט גאר אויף, און אונזער יוגנט איז פאראינטערעסירט אין שפראך און לערנען זיך און אנדערע יידיש. עס זאל מיר דערלויבט זיין צו ציטירן די מיינונג פון דעם וועלט בארימטן רעוואלוציאנער און הומאניסט פ. קראפאטקין אויף דער פראגע וואס ער דיינקט וועגן דער יידישער שפראך, און אט איז זיין ענטפער: „קיין פאלק דארף ניט גרונגשעטצען זיין פאלקסטימליכקייט, זיין קולטור, אירע אייגנשאפטן! פון שאפן, און דיינקען, טראגט יעדער נאציאנאליטעט ווי קליין זי זאל ניט זיין ארײַן איר ווערטפולען עלעמענט, מיר זיינען באקאנט די אייגנשאפטן, פון דעם יידישן דיינקען, שאפן, הומאר, און טרויער, מוזיק, און קאמעדיע, איך בין באקאנט מיט זיי און איך שעטץ זיי, איך פריי זיך ווען איך זע זייער פאלקסטימליכעס, און איך באטראכט יידיש אלס א שפראך וואס עס לוינט זיך צו פארשפרייטן".

איך וויל באמערקן אז קראפאטקין האט אליין גוט געקענט יידיש, און העברעאיש!

מיט דעם פארענדיק איך מיין פארטיידיקן אונזער מאמע לשון קעגן די וואס מיינען אז יידיש גייט אונטער!

### עלא זילבערג: ניט צו שפעט ...

פיל צו שפעט
האסטו זיך באזונען,
אז דאס לעבן
איז קיין שפיל.
האסט פארשוועדעט
דיינע יארן
אן א צוועק
און אן א ציל.

איצט באדויערסטו
דיין יוגנט,
וואס אוועק איז
פיל צו שנעל.
האסט ניט פארזייט
און קאנסט ניט זאמלען
און די עלטער
שטייט ביים שוועל.

דאך עס איז ניט
אלץ פארלארן,
קאנסט נאך אויסנוצן
די צייט.
עס איז ניט צו שפעט
צו העלפן שוואכע
און ברענגען טרייסט
צו ארימע לייט.



אייזיק גאלדבערג —

## אן אסיפה וועגן יידיש

אונטערן פארזיץ פון ד״ר ש. לעוועגבערג, האט דער קולטור־קאמיטעט ביי דער „באארד אוו דעפיוטיס״ צוזאמענגערופן אן אסיפה וועגן יידיש אין חודש מאי, 1980, דא הי אין לאנדאן. אגב, ד״ר לעוועגבערג איז דער פרעזידענט פון די פועלי־ציון אין ענגלאנד, און חיים פינער איז דער סעקרעטאר ביי דער „באארד אוו דעפיוטיס״ — וועד־הקהל פון די ענגלישע יידן.

אין זיין דערעפענונגס־רעדע האט ד״ר לעוועגבערג דערקלערט, אז מען האט איינגעלאדן צו אט דער אסיפה די פני פון יידישע שרייבער, קולטור־טוער, פארשטייער פון סינאגאגעס און אנדערע אינסטיטוציעס אדער געזעלשאפטן, כדי געמיינזאם צו באהאנדלען וויכטיקע פראבלעמען אין שייכות מיט יידיש־לשון, יידישע ליטעראטור און בכלל יידישע קולטור.

נאכן חורבן אין דער לעצטער עפאכע, בעת וועלכער עס זענען פארטיליקט געווארן זעקס מיליאן פון אונזער פאלק אין מזרח־אייראפע, האבן מיר ווייטער געליטן פארלוסטן אויפן געביט יידיש.

וואו איז אונזער אייגנארטיקייט היינט־צו־טאג? וואו געפינט מען ביי די יונגערע דורות אונזערע א באהאוונטקייט מיטן קולטור־אוצר, וואס האט זיך אנגעזאמלט אויף יידיש? סאי דאס לשון יידיש סאי די שאפונגען אויף יידיש זענען פרעמד דעם היינטיקן, יונגן ייד! וואס וויסן זיי פון אונזערע קלאסיקער, מענדעלע מוכר־ספרים, י.ל. פרץ, שלום עליכם? אפגערעדט שוין פון די גרויסע יידישע שרייבער עד־היום.

אויב עס וועט נישט זיין קיין פארבינדונג צווישן אונזער יונגן דור מיט אונזער יידיש־גייסטיקער ירושה, קען די אסימילאציע זיך כסדר אלץ שטארקן; און וואס וועט זיין דער פועל־יוצא דערפון?

נאטירלעך האט זיך אנטוויקלט א ברייטע דעבאטע בנוגע אט דעם פראבלעם יידיש. די באטייליקטע האבן אנגעוויזן, אז בעת יידישע קולטור איז כמעט געווארן א פרעמדע זאך דא אין ענגלאנד ביי אונז יידן, האט מען אבער נישט קיין סך דערגרייכט מיט עברית. נישט אויף יידיש און אפילו נישט אויף עברית קען מען געפינען אן אודיאאריע ביי שמחות, אין קלובן און אויך אין סינאגאגס איז אלץ שוין פארענגלישט, אזש מען פארמישט אפטמאל די יוצרות. אפטמאל פילט מען אויס פראגראמען אין יידישע אינסטיטוציעס מיט נישט־יידישן רעליגיעזן אינהאלט ... געוויסע פראגראמען פעלט נישט פיל באצייכנט צו ווערן אלס א חילול־השם — פשוט ווייל דאס יידישע ווארט איז דארט געווארן טריף־פסול ...

רעוו. עמיאס, פארשטייער פון א רעליגיעזער קהלה, האט געזוכט צו דערקלערן ווי די רעליגיעזע מנהיגים אונזערע דא פירן זייער קאמף אויפצוהאלטן רעליגיעזע יידישקייט, ווי שווער עס קומט אן צוצוגרייטן א דרייצן יעריקן בחור צו זיין בר־מצווה, ווייל דער סאמע ענין יידישקייט איז אים פרעמד!

ד״ר י. מייטליס האט געצויגן די אויפמערקזאמקייט פון די
צום אוצר פון יידישן פאלקלאר, וואס האט זיך אנגעזאמלט במשך פון די באטייליקטע
טער יארן היסטארישער פארגאנגענהייט. דערפאר דארף מען ערנסט זיך פון הונדער-
טראכטן וויאזוי דאס אלץ צו דערהאלטן פאר דער צוקונפט. זיך פאר-

א.נ. שטענצל, האט גערופן דעם עולם צו זיין פראקטיש.
מיט בלויז רעדן וועט מען גארנישט דערגרייכן. מעשים פאדערן זיך פון אונ-
זערע מנהיגים און כלל-טוער. אנווייזנדיק, אז

יוסף פרענקל, דער שרייבער, האט ארויסגעברענגט די פיל-זייטיקייט פון
יידישער קולטור-טעטיקייט אמאל. מיט צענדליקער יארן צוריק פלעגט דא זיין
אין לאנדאן א גרויסע אקטיוויטעט אויפן יידיש-געזעלשאפטלעכן געביט. עס
האט דא עקזיסטירט א יידישע פרעסע, יידישע טעאטערס, א יידישער ארבע-
טער-רינג. שוין איבער פערציק יאר ווי דער דיכטער, א.נ. שטענצל, גייט אן
סאי מיט זיין זשורנאל ״לשון און לעבן״ סאי מיט די ״ליטעראריש שבת-נאכ-
מיטאגס״. אויך דער שרייבער י.ח. קלינגער, איז טעטיק מיט רעדאגירן א
פעריאדישע שריפט, ״יידישקייט״, און מיט געלעגנהייטלעכע קולטור-פאראנ-
שטאלטונגען. מען טאר אויך נישט פארבייגיין גלייכגילטיק אין דער הינזיכט
וואס דער שרייבער י.א. ליסקי טוט אויף מיט ארויסגעבן א חודשלעכע יידישע
צייטונג אין לאנדאן ״דאס יידישע פאלק״. ער האט אויך דערמאנט די האלבע
שעה אויפן ראדיא און איר ענגליש יידישן פראגראם, וואס וואלט געדארפט זיין
אויף א העכערן ליטעראריש-יידישן ניווא.

י.א. ליסקי בעצמו האט פארגעשלאגן ווי וויכטיק ס׳וואלט געווען ארויסצו-
געבן אין בוך-פארם ד״ר ש. לעווענבערגס עסייען אויף פארשיידענע טעמעס,
ווי ציוניזם, געשיכטע, יידישע ליטעראטור און בכלל יידישע פראבלעמען. אזא
בוך וואלט בלי שום ספק געווען א גרויסער ביישטייער צו דער יידישער ליטע-
ראטור. אט דער פארשלאג איז ווארעם באגריסט געווארן מצד דעם עולם.

חיים פינער, סעקרעטאר ביי דער ״באארד אוו דעפיוטיס״ האט געגעבן
אנצוגעהערן אז ביי דעם דאזיקן טיש האט מען שוין זער לאנג נישט געהערט
רעדן אזא זאפטיקן יידיש. שוין דאס אליין גיט א האפנונג, אז דערמיט הויבט
זיך אן א גוטע התחלה פאר יידישער קולטור-טעטיקייט.

אנוועזנד זענען אויך געווען ד״ר הערשאוויטש, מרס. נאטאני, מרס. סידא
און אנדערע השובע געסט. מען האט טאקע אויך אנגעוויזן ווי אלץ איז אזוי ענג
פארבונדן מיט חינוך פאר דער יוגנט, אז אחוץ אמונה מוז מען אויך זארגן פאר
לערנען סאי עברית סאי יידיש, ווי מען טוט עס אין אמעריקע, אין אויסטראליע,
דרום-אפריקע און אין אנדערע מקומות. וועלטלעכע יידישע אינסטיטוציעס
דארפן מיטארבעטן אין די הינזיכטן מיט די רעליגיעזע קהלות. וואו אט דאס איז
דער פאל איז דער מצב א פיל בעסערער. אפילו מדינת ישראל טאר נישט
צוריקשטיין און טון מער אויף אט דעם געביט. דערפון קאן אונזער מדינה ארץ-
ישראל אסך געווינען.

שליסנדיק די אסיפה, האט ד״ר ש. לעווענבערג אויסגעדריקט זיין דאנק-
בארקייט צו אלע, וואס האבן זיך באטייליקט און צוגעזאגט, אז ער וועט ברענגען



פאר דער ״באארד אוו דעפיוטיס״ די געדאנקען און פארשלאגן, וואס זענען
געקומען צום אויסדרוק בעת דער דעבאטע איבערן ענין יידיש. איז עס דאך
ממש א נויטווענדיקייט פאר אונזער קיום אלס יידן דא אין מלכות ענגלאנד, אז
יידישע אינסטיטוציעס, יידישע קרייזן און קהלות זאלן זיך נישט שעמען מיט
יידישער קולטור, וואס איז ווי א בריק צווישן די יידן הי און יידן אין אלע
תפוצות אין דער וועלט. יידיש און יידישע קולטור זענען אויך א פארהיטונגס-
מיטל קעגן דער חולאת פון אסימילאציע.

## פיליפ אלווין: א בריף פון אמעריקא

חשוב׳ע פריינט,

עס טוט מיר זייער לייד וואס איך דארף אייך שרייבן דאס מאל מיינע פעסעמיסטישע געדאנקען, וואס האט אנגערעגט מיר צו שרייבן דעם בריוו, איז דאס וואס אסאך מענטשן קעמפן מיט ציין און נעגל פאר דער אידישער שפראך, אבער למען האמת מוז מען האבן אפענע אויגן, און אויך אוויטן קוק, און דער וואס פארמאגט דאס יענער קען זען אז דער ״אתה בחרתנו״, מיט דעם ״עם ישראל חי״ איז ניט מער ווי אנאיינשפריצונג פאר דעם שטארבנדיגן חולה, אפילו דער ריבונו של עולם אליין האט אונדז פיינט און ער שטייט אלע מאל אויף דער זייט פון דעם מערדער פון אידן, לאמיר זען וואס דער תלמוד זאגט, ״שלא אחד בלבד עמד עלינו לכלותנו, אלא שבכל דור ודור עומדים עלינו לכלותנו״, דאס הייסט אז ניט נאר איינער שטייט אויף אונדז צו פארטיליגן, נאר אין יעדער דור שטייען אויף מערדערס אומצובריינגען דאס אידישע פאלק. לאמיר געבן א קוק אביסל היסטאריש, אין אברהם אבינוס צייטן, ווי עס האט זיך נאר גענומען אנטוויקלען דאס אידישע פאלק, איז שוין אויפגעשטאנען א פרעה מלך מצרים, און האט שוין געוואלט פארניכטן די אידן, די יידישע שונ-אים וואס זענען שפעטער אויפגעשטאנען, זענען געווען בבל, אשור, פערסיע, גריכלאנד, רוים, ביז די קרייץ צוגן, שפעטער איז געקומען שפאניע מיט די אינ-קוויזיציע, כמעלניצקי, פעטלורע, און היטלער ימש״ו, און אט די אלע מיט דער זעלבער לאזונג פון דעם רשע המן, להרוג ולאבד את כל היהודים. דער ריבונו של עולם האלט זיך אין איין טשעפען צום אידישן פאלק אזוי ווי יעדער איד וואלט חס ושלום פארשוועכט דעם אות פון ברית קודש, אדער יעדער איד וואלט געווען געזונקען אין די מ״ט שערי טומאה, עס איז ניטא קיין איין פינטל אויף דעם גאנצן ערד-קוגל וואס זאל זיין פריי פון שנאה צו אידן, ניטא קיין איין ווינקל אויף דער ערד וואס זאל ניט זיין דורך געווייקט מיט אידיש בלוט. און אונדזער אידישע טראגעדיע איז, וואס מיר זענען כסדר צווישן האמער און קאוואדלע, שטענדיג זענען מיר דער שעיר-לעזאזל אויף יעדן מזבח פון דער וועלט.

דערפאר איז באמת טרויעריג צו הערן אז אין אמעריקע וואו עס איז דער גרעסטער אידישער קיבוץ, נאענט פון זיבן מיליאן, איז 53 פראצענט פון די

אידישע חתונות, געמישטע מיט גויים, דאס איז איין פאקט, וואס דאס מיינט פארלארענע אידן, סיי די פארהייראטע און סיי די קינדער וואס ווערן ביי זיי געבארן, דער צווייטער פאקט. אסימילאציע, וואס דאס איז נאר איין טריט צו שמד, דער דריטער פאקט: די געבורטן, ביי אידן האט מען איין קינד, אדער גארניט, מיט דעם אויסרייד: "איך וועל האדעווען קינדער, עס זאל אויפשטיין א היטלער און זיי פארזיכטן?.."

עס טוט מיר זייער לייד וואס איך באלעסטיק אייך מיט אזא בריוו, איך האף אז איר וועט מיר מוחל זיין פאר דעם.

מיינע בעסטע וואונטשן צו אייך און מיט כבוד,

פ. אלווין

## הערי אריעל: יידיש טעאטער אין ענגלאנד

פאר די וועלכע קענען נישט פארשטיין ווי אזוי עס איז מעגלעך אז אין 1980 זאל א חברים טרופע קענען ארומפארן און שפילן יידיש טעאטער ביי אויספארקויפטע הייזער, ווידמע איך די איבערזעצונג פון א רעצענזיע וועגן א פארשטעלונג וועלכע מיר האבן געשפילט אין מאנטשעסטער דעם פארגאנגענעם יולי, געשריבן דורך דער רעצענזענטין טערי בעיקער אין די "מאנטשעסטער דזשויש גאזעט".

"מיר האבן געלאכט מיט זיי, געוויינט מיט זיי, געווארן מיטגעריסן מיט זייער דראמע און הומאר, איך שרייב, פארשטייט זיך, פון דעם לאנדאנער יידישן טעאטער וואס האט געשאפן אנ'אונפארגלייכלעכע אטמאספערע פון יידישקייט מיט זייער פארשטעלונג "אביסעלע מזל". די שוישפילער זיינען אויסשליסלעך איבערגעגעבן צו זייער קונסט און צום אויפהאלטן די רייכע שפראך פון אונזערע אבות.

אין אמעריקא גיט מען אויסצייכענונגען וועלכע זיי רופן "אסקארס" פאר דעם בעסטן אקטיאר אדער אקטריסע. ווען מען וואלט דא ביי אונז געטיילט "אסקארס" וואלט חנה צעלניקער דאס כשר פארדינט פאר שפילן די ראלע פון "פריידל" מיט אזוי פיל ווארעמע אינטערפרעטאציע און פארשטענדעניש פארן כאראקטער. זי האט געשאפן א לעבעדיקע געשטאלט מיט טעמפעראמענט און חן, וועלכע האט גערירט דעם עולם ביז געלעכטער און טרערן.

איר פארטנער איז געווען בערנארד מענדעלאוויטש, וועלכער האט געשפילט פערפעקט די ראלע פון "סעמועל". ער פארמאגט אנ'איינדרוקספולע בינע פערזענליכקייט, א נאטירלעכן און לייכטן צוגאנג פאר זיין ראלע און א וואונדערבארע שטימע צום זינגען.

אלס "ר' יאסל", וועלכער בעט גאט פאר זיין טאכטער'ס "ביסעלע מזל" האט דוד סעגאל געשאפן א לעבעדיקע קרעאציע.

און איצט וועגן דעם מענש וועלכער שרייבט די פיעסע, רעזשיסירט און איז אליין א וואונדערבארער שוישפילער — הערי אריעל. ער ברענגט ארויס יעדן ניואנס פון יידישן לעבן אין זיינע געגנוי אבסערווירטע סיטואציעס, מעגן זיי זיין קאמיש אדער דראמאטיש. ער איז דער צענטער ארום וועלכן עס דרייט



זיך די טאלענטירטע טרופע און אין אים איז געווענדט זייער דערפאלג. מיט זיינע אונענדליכע און אריגינעלע איינפעלער צו שאפן דעם רעפערטואר וועט זייער טעאטער קאלעקטיוו קיינמאל נישט וויסן פון קיין דורכפאל.

די מוזיקאלישע נומערן אראנזשירט דורך פיליפ בערנשטיין, וועלכער האט אויך זיין פידל אקאמפאנירט צוזאמען מיט ריקי בארנארד ביי דער פיאנא, זיינען געווען א סענסאציע. חנה צעלניקער'ס סאלא "וואס געווען איז געווען" האט געהאט דעם גרעסטן דערפאלג און נאך די דועטן מיט בערנארד מענדעלא־וויטש האט מען זיי פשוט נישט ארויפגעלאזט פון דער בינע."

דאס איז געווען די מיינונג פון א רעצענזענטין וועלכע איז בארופן צו שרייבן וועגן טעאטער, ווייל זי אליין איז אין דער פראפעסיע א חוץ דעם וואס זי איז א וואונדערבארע זשורנאליסטין. די מיינונג פון דעם פובליקום קאן מען נישט באשרייבן, מען מוז זיין אין טעאטער און זען דעם ענטוזיאזם פון דעם עולם כדי צו פארשטיין אז יידיש טעאטער וועט נישט אונטערגיין אזוי לאנג ווי מיר, די יידישע אקטיארן לעבן.

איייזיק גאלדבערג —

## ס'איז שוין אלץ איינס [געווידמעט צו אונזער 61סטן חתונה־יובל]

אז מ'דערלעבט הונדערט יאר,
ווער שמועסט מיט נאך אן איינס,
זאגט מען, ביי אונז יידן,
ס'איז שוין אלץ איינס...

אויך ביי א "דיאמאנט־פארל"
מען שטעלט צו נאך אן איינס,
דאס מיינט, ווען אריבער זעכציק,
איז אויך שוין אלץ איינס...

נישט אלץ איז אבער אזוי,
עס איז וואר און קלאר,
אז יעטוועדעס מאל
ווערט מען עלטער א יאר!

יא, דאס ביסעלע לעבן
פליט אוועק אזוי ווייט
מיט פרייד, אמאל מיט פיין
אזוי צוביסלעך באגלייט.

אלס ייד, געוואנדערט, געטריבן,
פונם גורל אלעמאל געיאגט,
אין קאמף און אין שטורם
צוזאמען געליטן, צוזאמען געפלאגט!

ווי גיך און געשווינד
אוועק, אלעס אזוי פארפלויגן,
דאך רייך אין פארבן
ווי א וואונדער־רעגנבויגן...

צייטן שווינדן, יארן פליען
ווי א חלום, ס'געמט אן א שרעק,
אזוי דאס לעבן פונם מענטש,
ווי א בליץ גייט אלץ אוועק!

ווען נאך פרייד און נחת,
אויב ס'איז אויך באשערט,
דעמאלט האט דאס לעבן
נאך גאר א גרויסן ווערט.

דאן ציילט מען נאך די יארן
ווי גאר קליינע קינדער,
ווייל יעדערס יאר לעבן
איז אויך שוין מלא ווינדער...

טא וואס קאן שוין שאדטן
צו ווינטשן זיך נאך גאר
צוזאמען דערוויל אויסהאלטן
ביז הונדערט קיילעכדיקע יאר!...

סילוויא שירלי —

## א נסיעה פאמעלעך

מר. רפאל האט מיד א זיפץ געטון, צוריק צוזאמענגעלייגט זיין ציַיטונג און מיט זיין געוויינלעכער צעשטרייטקייט זי ארייגעלייגט צו זיך אין דער קעשענע. מעטאדיש האט ער אדורכגעקוקט אלע שפאלטן דרוק, אבער גארנישט געלייענט. האט זיך אנגעלענט אויף דער רוקן־זייט פון זיין געזעס אויף דער אונטערגרונט־באן צווישן דער באקוועמלעכער ווארעמקייט פון די צוויי לייט, וואס האבן געדרענגט אויף אים פון ביידע זייטן און האט פארמאכט די אויגן. ר׳איז געווען אויפן וועג אהיים, פונקט ווי יעדער אנדערע נאכט, פון א טאג ארבעט אין דער פאבריק. ער האט זיך געוואונדערט הלמאי ער טוט עס.

איז עס נאך אלץ א היים איצט, אז זיין טאכטער איז דארט מער נישטא? היים, האט ער טרויעריקלעך געטראכט, איז געווען א צייט און א מקום, וואו א מענטש האט געקענט זיך דערמאנען אין זיין מאמען. אבער די דעריגערונג אין זיינע עלטערן און וואס ער האט זיך אליין פארשפראכן לגבי זיי האט פארוואנדלט זיין בענקשאפט צו פארביטערטקייט. די אלטע באטריגעריש־זיך־שלעפנדיקע חרפה האט אים ארומגענומען, און ר׳האט פרובירט טראכטן פון אנדערע זאכן.

ער וואלט גערן געשפילט א פארטיע פינאקל, קארטן האבן אים אלעמאל פארשאפט פארגעניגן, אבער די פריינט זיינע זענען דאך אויך געווען אויפן וועג אהיים פונקט ווי ער. ס׳קען זיין זיי האבן זיך געזעצט צום טיש מיט ווייניקער קרענקונג. ביי זיך אין דער היים, אפילו אין די גוטע צייטן, האט תמיד געהערשט א טריבע אומעטיקייט, עפעס אן אנונג, א מורא, אז עפעס שלעכטס גייט געשעען. דאך איז מען געגאנגען אויף באזוך צו פריינט, און נישט אריינגעשטעקט די נאז כלומרשט אונטערן מאנטל פון גאסט־פריינטלעכקייט. ער פלעגט תמיד זאגן זיין ווייב, ווען זי האט מקנא געווען איינעמס גוט מזל, „ווער קען וויסן וואס עס טוט זיך ביי יענעם אין הארץ?"

ער האט באוועגט די ליפן, דערמאנענדיק זיך אין עפעס. ר׳האט געזעען זיין ווייב ווי זי שאקלט מיטן קאפ מרמז זייענדיק אויף עפעס. זי האט געוואוסט גאנץ גוט, אז אויב עמיצער טראגט אויף זיך א משא טרויער, קאן יענער נישט ארויסווייזן קיין פנים יפות. מר. רפאל האט זיך נישט געקאנט דערמאנען א צייט, ווען זיין ווייב האט נישט געהאט אויף זיך קיין משא טרויער. האט זי אים דאך גענומען ווי אונטערוואַרפנדיק זיך דעם גורל שפאטיש מיט צוואנציק יאר צוריק בעת נישט ער נישט זי זענען נאך באמת געווען יונג. אבער זי איז געווען



א גוט ווייב, און אויב אפילו גענייגט צו קארגקייט, איז עס דאך געווען בלויז לטובת אים אליין . . .

דער מענטש אויפן נעכסטן זיץ־ארט האט פלוצלונג זיך א הויב־אויף געטון מיט זיין גאנצער גרויס און גענומען זיך שטופן צו דער טיר. מר. רפאל האט אביסעלע זיך א רוק געטון, מעשה פראבע, אבער א פרוי, וואס איז געשטאנען איבער זיי, האט זיך א ווארף געטון אויפן ליידיקן ארט און אן ערך זעקס מאל אפשר פארזוכט זיך איינצואָרדנען איידער זי האט אפגעמאכט ביי זיך צו לאזן אירע עלנבויגנס די שפיציקע צורו.

„וואס פרויען זענען!" האט מר. רפאל זיך געטראכט, און פלוצלונג זיך דערמאנט אין אניא, א מיידל וואס זינט יארן ר׳האט זיך נישט דערלויבט צו ברענגען אויפן זכרון. איצט אבער מיט זיין טאכטער טאבי אויסגעגעבן, איז עס געווען א טאג אן אויסערגעוויינלעכער, אן אויסנאם אין זיין לעבן. עס האט אויסגעזעען גאנץ נאטירלעך, אז די געשפענסטן פון דער פארגאנגענהייט זאלן זיך ווידער באווייזן און קומען וואוינען מיט אים אין דער איצטיקער צייט, מיט מער ווירקלעכקייט כמעט ווי ווען זיי האבן אייגנס אמאל מאטיווירט זיין לעבן.

אניא איז געווען מיט דריי יאר עלטער פון אים. איצט איז זי מסתמא א זקנה און זיכער דיק, פונקט ווי די מאמע אירע איז געווען פאר איר. ער האט פלוצלונג געהאט פאר זיך א חיזיון פון דער יונגער אניא, פון אירע שווערע בלאנדע צעפ, יעדער צאפ אזוי דיק ווי א מאנס האנט־געלענק, ווי זיי האבן מיט שוואונג זיך געשאקלט בשעת זי פלעגט לויפן איבער דער סטעזשקע פארויס פאר אים צו זייער פארמע אויפן שפיץ בארג, אזש ר׳האט זיך האלב אויפגעהויבן פון זיין זיץ־ארט. האט אויך געמוזט אויסזעען ממש מאדנע, מחמת די מענטשן ארום אים האבן גענומען גלאצן אויף אים. „ווי הייסט די סטאציע דא?" האט ער גענומען פרעגן צו פארדעקן זיין פארלעגנהייט.

מר. רפאל האט זיך צוריק אנידערגעזעצט, אבער שוין נישט מער אזוי באקוועם, ווייל די פרוי אויפן נעכסטן ארט האט ממש קאנפיסקירט א חלק פון פלאץ זיינעם. אים איז נאך אויסגעקומען צו פארן אן ערך צוואנציק מינוט.

ר׳האט ווייטער גענומען טראכטן פון זיין ווייב, ווי זיווארט אים צו געבן אים א מאלצייט. זי האט מסתמא פארברענגט דעם טאג מיט טרויערן אויף דער טאכטער, וואס האט זיי פארלאזן מיט איר יונגן מאן. ער, רפאל, וועט זיך באמיען נישט צו באמערקן אירע רויט־געלאמעוועטע אויגן בשעת זי סערווירט אים דאס עסן, פשוט דערפאר וואס אויב ר׳וואלט זי געפרעגט צי זי האט געוויינט, וואלט זי געענטפערט, „ס׳איז דען דא איבער וואס זיך פריילעך צו מאכן?" און אויב ער וואלט איר געזאגט, אז ער קען נישט עסן, מחמת אים איז אויך קאלעמוטנע, וואלט זי אים טעמפ געגעבן א זאג, „מאך דיר גארנישט דערפון און עס. דארפסט האבן כוח אויסצוהאלטן פון די צרות". נאר טאמער האט ער פרובירט אראפצושלינגען דאס עסן שטיל אין צימער בשעת זי האט גע־

ברענגט צו טראגן אדער אוועקגענומען די כלים, האט מען געקענט ממש זיין זיכער, אז זי וועט זאגן, "ווי איז עס מעגלעך פאר א מאן נישט צו האבן קיין געפילן נאך אלעם, א טאטע איז נישט קיין מאמע . . ."

אה, יא, ער האט זי גוט פארשטאנען, די דאזיקע פרוי רפאל מיט וועמען ער האט זתונה געהאט אנשטאט מיט אניאן. געקענט אירע געדאנקען נאך איידער זי האט זיי באקומען, אירע ווערטער איידער זי האט זיי אנגעהאנגען אין דער שטיקנדיקער לופט ארום אים. ער האט זי אזוי גוט געקענט, אז ער האט פארשטאנען ווי אוממעגלעך ס'וואלט געווען צו פרובירן א דערקלערונג פון אפילו זיינע אייגענע געפילן. טיילמאל האט ער פשוט נישט געקענט זיך אליין דערקלערן צו זיך גופא. די געפילן האבן זיך געפונען, און האבן אנגערירט זיין הארץ.

נעכטן ביינאכט האט דער אידעם זיינער אים א זאג געטון קורץ און שארף, "איך רעכן נישט, אז איר'ט פארשטיין. איר זענט צו ווייט דערפון." מר. רפאל האט אביסל טיפער פארגראבן די געמבע און אפגעזיפצט.

פרוי רפאל איז געווען א גוט ווייב. ער איז שוין געווען איבער די פערציק ווען ר'האט מיט איר חתונה געהאט און זי האט בעל־הביתטיש געפירט זיין וואוינונג און זיין לעבן און אפילו די איינקופטן זיינע אן צארן און אן אומארדנונג. ניין, זי האט נישט ליב געהאט דאס קארטן־שפילן מיט זיינע פריינט. "קוק, פלעגט זי זאגן, בשעת איך גיי אן עקסטרא גאנג עפעס איינצושפארן ביים איינקויפן, פארשווענדסטו שווער־פארדינט געלט אין סכאקען".

אמת, זי האט אים איינגעשפארט געלט, אזוי, אז עס האט געסטייעט אין דער צייט, ווען ארבעט איז געווען קנאפ אדער גארנישט ביי זיין מלאכה. בלויז מיט פיר יאר צוריק האט ער געהאט די געלעגנהייט צו דינגען א בוידעם־שטוב מיט אייניקע מאשינען, און פון דעמאלט אן געווען ביכולת צו מאכן אקסלבענשאפט פון אירע פלאימדיקע אפשפארונגען. דערפאר האט ער איר געקויפט א פארמתנה א קאקטייל־רינג מיט א חלק פונם ריוח פונם ערשטן יאר און זי האט זיך צעוויינט.

"הלואי וואלסטו אזעלכעס געקענט האבן ווען מיר זענען געווען נאך אסך יונגער", האט ער שעמעוודיק צו איר געזאגט. און זי, אויסווישנדיק זיך די אויגן, האט געענטפערט, "כ'האב עס דעמאלט נישט געדארפט, און איך דארף עס איצט אויך נישט. ליבער וואלסטו עס געלייגט אויף א זייט פאר טאביס וועגן".

דאך האט זי דאס רינגל געטראגן יום־טוב און ווען זיי פלעגן גיין אויף באזוך ; דאס מאדנע, פעכער־פארמיקע פינגערל מיט די האלב־אידלשטיינער. די איבריקע צייט האט זי עס געהאלטן פארבארגן אין א זאמש בייטעלע און עס געטראגן אויף דער ברוסט.



אזוי איז עס תמיד געווען ביי פרוי רפאל. אלץ פאר טאביס וועגן. ס'ערשטע קינד זייערס איז געווען א מפיל־קינד, א יינגעלע, און מר. רפאל איז געווען גאנץ זיכער ביי זיך, אז ביי איר אין הארץ האט זי געלייגט די שולד אויף אים. נאך דעם ווי דאס מיידעלע איז געבוירן געווארן, האט זי שוין מער נישט געהאט קיין קינדער. אלע די האפנונגען, וואס זיי האבן נישט פארווירקלעכט אין לעבן, אלע חלומות, וואס דאס טריבע לעבן זייערס האט זיי נישט דערלויבט צו פארפאלגן, האבן זיי געלייגט אויף טאבין. און איצט איז זי אוועק פון זיי צו פארפאלגן א חלום אן אייגענעם — א חלום וואס זיי האבן נישט געטרוימט און אין וועלכן זיי האבן געפונען חסרונות, אבער ס'האט גארנישט געהאלפן.

לכתחילה איז עס געווען מוזיק־לעקציעס ; פרוי רפאל האט אזוי געוואלט, אז טאבי זאל קענען שפילן די פיאנא. ביליקער איז עס געווען איר צו קויפן א פידל און א גאנץ יאר כמעט האט טאבי געקרימפלט, געסקריפט און געזעגט אויף דער פידל און אפשר לענגער ביז דער לערער אירער האט געזאגט, אז ער וועט ליבער גיין בעטלען איבער די הייזער ווי פארדינען זיין ברויט פון אזעלכע תלמידים.

האבן זיי דערנאך איר געקויפט א פיאנאלע ביי איינעם פון די שכנים און זי צוגעפאסט צו האנט־שפילן. דער טאן אירער איז געווען שרייענדיק און מעטאליש און טאבי האט געשפילט נאך העכער און לענגער, און געניי אזוי געדולדיק, נישט רעכענענדיק זיך מיט די קלאנגען וואס זענען ארויסגעקומען. זי האט אפילו געזונגען און נישט צום טאן. די פרוי רפאל האט כסדר ליב געהאט זי צו הערן.

דערנאך זענען געקומען די העברעאישע לעקציעס. מר. רפאל פלעגט זאגן צו וואס דארף א מיידל קענען העברעאיש — די מאמע וואלט דאך געקענט זי אויסלערנען די ברכות — און סאי־ווי ווער איז אזוי פרום היינטיקע צייטן ? אבער ווי צו להכעיס האט טאבי דווקא ליב געהאט דאס לשון און זיך געלערנט אזוי גוט , אז זי פלעגט זיך אפטמאל באנוצן מיט די ווערטער אין אירע טאגטעגלעכע רייד. דער טאטע אירער איז ממש געווארן איבערראשט צו הערן אט דאס אלטע לשון־קודש, וואס ער האט געלערנט צו דברים שבקדושה, אזוי געשיקט און אזוי איינפאך גערעדט. זי פלעגט אפילו אפטמאל זיך שפארן מיט איר לערער איבער אויסטייטשונגען און אים ממש ארויסברענגען פון די כלים, און בשתיקה האט זיך דער טאטע געפריידט. נישט ער נישט איר מוטער האבן געהאט אן אהנונג צו וואס דאס קען פירן.

די מאמע האט זיך געטראכט ווי גוט ס'וואלט געווען אויב טאבי וואלט חתונה געהאט מיט א סוחר ווען זי וואקסט אויף.

"צו וואס זשע פארשווענדסטו אזויפיל צייט זי צו לערנען זיין א שפארזאם ווייב ?" פלעגט ער זי קוועלן, צוקוקנדיק זיך צו זייער נייען אין די אוונטן.

"נו, פלעגט זיין ווייב אים אפענטפערן, ס'איז גוט, אז מען טויג זיך צו כלערליי זאכן."

״און מ׳זאל גארנישט דארפן,״ פלעגט טאבי שטיל פארענדיקן, מיט א גע־
לעכטערל צו זיי ביידן. זי האט געהאט איר מאמעס טאלענט צו סארקאזם, אבער
אויך אביסל הומאר אייגענעם.
״א סוחר״, פלעגט די מאמע זאגן, ״לעבט זיך גוט. ער דארפט זיך נישט
ברעכן דעם קאפ פון וואס ער וועט האבן צו לעבן די נעכסטע וואך.״
״ניין, האט טאבי זיך אריינגעמישט, ר׳האט א טוץ ארבעטער, וואס ברעכן
זיך דעם נאקן צו מאכן געלט פאר זיינעטוועגן.״ און איר געלעכטער האט אפגע־
הילכט איבער דער שטוב ביז איר מאמע האט א שמייכל געטון.
״וואס דען,״ האט זי געזאגט, ״א געשעפטסמאן ווי דיין טאטע, וואס ווייסט
וואס עס טוט זיך ביי זיינע ארבעטער אין קאפ? ווער נאר אין ווערקשטאט
ס׳האט קאפוויטאק ברענגט ער דעם קאפוויטאק צו אים, דעם קליינעם שלמה
המלך.״

״ארעמער פאפא.״ טאבי האט איבערגעריסן דעם פאדעם אירן. ״ר׳וואלט
געדארפט האנדלען מיט קאפוויטאק־פולווער, און מיר וואלטן דערפון רייך
געווארן.״

הכלל, דאס דאזיקע דאקוטשען איז געווען געענדיקט און וועט זיך
נישט איבערחזרן. זיי וועלן אויך מער נישט הערן טאבים געלעכטער. און אט
דער געדאנק האט אים אזוי אומבארמהערציק פארוואונדעט, אז מר. רפאל האט
זיך אויפגעהויבן, מאכנדיק פאר זיך א וועג צו דער מיט פונם אונטערגרונטבאן
וואגאן. האט זיך אנגעהאלטן ביי דער עמיילירטער שטאנג און געהאלטן די
אויגן פארמאכט, מיט א פארכאפטן אטעם, ווי דערמיט וואלט ער געקענט זיך
באפרייען פון דער פיין.

וואכנלאנג שוין האבן זיי דאך געוואוסט, אז טאבי מיטן מאן גרייטן זיך צו
באזעצן אין ארץ־ישראל. זיי האבן עס געוואוסט, אבער נישט געגלויבט. אפילו
ווען דאס יונגע פארל איז אוועק אויף הכשרה האבן מר. און פרוי רפאל עס נישט
געקענט גלויבן, אז יענער טאג וועט סוף־כל־סוף קומען.

בלויז נעכטן ביינאכט האט טאבים מאן געזאגט, ״איך פארשטיי אייערע
געפילן, און איך דערוואַרט נישט איר זאלט פארשטיין ווי מיר פילן וועגן דעם.
וואס מיר ווילן איז מער נישט וויכטיק פאר אייך. איר זענט עלטער. איר האט
עס געהאט לייכטער, צו לייכט! יעדן טאג קומט איר און גייט דעם זעלבן וועג,
זעט די זעלביקע מענטשן און טיילט אייך מיט זייער שפראך. אפילו אויף אייערע
זומער־פעריען פארט איר אויף די זעלביקע מקומות, אויספרובירטע שוין און
פארלעסלעכע, וואו מ׳בלאזט נישט פון זיך אויף אייך און איר האט נישט קיין
מורא פאר דעם!״

ווערטער, בלויז ווערטער, האט מר. רפאל געטראכט ביי זיך. ליידנשאפט־
לעכע רייד, און דאך אן שום באטייטונג פאר הערצער, וואס הערן זיך צו.

״ביטע, האט טאבי געזאגט צו דער מאמען מיט א געשפאנט קול. ״קום
נישט זעען אונז אפפארן אין דער פרי. אויב דו האסט בדעה דארטן צו שטיין און



וויינען. ס׳גאנצע לעבן האסטו דאך געוויינט איבער מיר. האב איך מיר צע־
קראצט א קני, ווען כ׳האב נישט געקענט מיך אויסלערנען זינגען איין ליד פון
צוויטן, האסטו געוויינט. האסט געוויינט ביי מיין גראדואירונג פון דער שולע
און האסט געוויינט אויף מיין חתונה ווי ס׳וואלט, חלילה, געווען א לוויה...״
מר. רפאל האט אויסגעשטרעקט די האנט, פונקט ווי נעכטן ביינאכט. ״הער
אויף, טאבי, טייבעלע. רעדסט דאך צו דיין מאמען. ווי קענסטו זי איבערלאזן
גלאט אזוי?״

זי האט זיך געגעבן א דריי־אויס צו אים. ״בעת דו ביסט אוועק פון אייראפע
צו קומען אהער, איז עס דען נישט געווען די זעלביקע זאך מער־ווייניקער?
זענען דיינע עלטערן געווען טאקע צופרידן דיך צו זען אוועקפארן? האסטו
דעמאלט געטראכט צי דו וועסט דיך נאך אמאל זען מיט זיי? וויאזוי האסטו
פארלאזט דיין מאמע?״

די פראגעס אירע האבן אים ווי צוריקגעשליידערט דורך די יארן מיט א
מין גרויזאמקייט, וואס האט אזוי פלוצלונג גיך און טיף געשטאכן. נאר לעת־
עתה איז קיין בלוט נישט גערונען.

״מיין מאמע איז דעמאלט שוין געווען טויט״, האט מר. רפאל פאמעלעך
געענטפערט, ״און דעם אמת געזאגט האב איך מורא געהאט אזוי ווייט צו פארן
איינער אליין.״ ניין, ר׳האט איר נישט דערציילט ווי נויטיק ס׳איז געווען פאר
אים אהערצוקומען און ווי די גאנצע משפחה האט געלייגט אזעלכע האפנונגען
אויף אים. ר׳האט איר נישט געקענט דערציילן פונקט ווי ר׳האט דעם מאן אירן
נישט געקענט דערציילן ווי קיין שום זאך איז אים נישט אנגעקומען לייכט, צו־
לייכט, אז דאס איינציקע פריינטלעכע פנים, מיט וועלכן ר׳האט לכתחילה זיך
באגעגנט, איז געווען דאס פנים פון דחקות.

״איך פאר דאך נישט אליין״, האט טאבי זיך געהאלטן ביי אירס. די אויפ־
גערעכטקייט אין איר קול האט כסדר נאך אפגעהילכט אין איר טאטנס אויערן
בעת ר׳האט זיך אויסגעדרייט צום פענסטער, און ער האט אויך געפילט די
אנגעשטרענגטע קליינע פיילן פון דאגות און ספקות אין איר אויפגערעגטקייט.

טאבים מאן האט זיך געווענדט צו אים און געזאגט, ״אפשר טויזנט מאל
האבן מיר דאס שוין אדורכגערעדט. מיר פארן, און איצט איז נישט מער קיין
צייט אויף כעס אדער פארביטערונג. מיר ווילן אייערע ברכות. א געוויסן טאג,
ווען ס׳וועט זיין רואיקער, וועלן מיר ווידער זיין צוזאמען. איר וועט קומען צו
אונז...״

פרוי רפאל האט אים געענטפערט, ״אמבעסטן צו לעבן איז דא הי. פרעג
אונז, מיר ווייסן. דיר איינגטלעך איז אלץ אנגעקומען צו גרינג. האסט נישט גע־
האט קיין שום שווערקייטן אויסצושטיין, האסט דיך געקענט פריי באוועגן אין
דער גרויסער וועלט. ביידע זענט איר אמעריקאנער. ווער זוכט אייך צו באגרע־
נעצן אין אייערע רעכט? פארוואס קענט איר אייך נישט צופרידנשטעלן מיטן
לעבן אין אמעריקע?״

״ווייל דא בין איך אן אמעריקאנער ייד, ווי איך זאל מיך נישט באמיען צו אונטערשיידן. נישט סתם אן אמעריקאנער״, האט לעא איר אפגעענטפערט. ״און תמיד געפינט זיך עפעס אדער עמיצער, וואס וועט טייטלען מיט א פינגער און אנווייזן אויף מיר.״

״און וואס וועט מען דיר דארט זאגן? דאס איז דער אמעריקאנער ייד. דער דארטן איז א פוילישער ייד אדער א דייטשער ייד, און אזוי ווייטער. אומעטום מאכן מען אונטערשיידן. וואס זשע איז דער חילוק?״

לעא האט יוסף טיף אפגעאטעמט. ״דער חילוק, מאמע, איז דער. די יידן, וואס פארן איצט זיך צו באזעצן אין ארץ־ישראל, קומען מיט איין צוועק, צו שאפן א דויערנדיק ארט פאר אלע, וואס האבן נישט קיין היים און פאר יענע, וואס קענען זיך נישט פילן אין דער היים ערגעץ אנדערש־וואו, ווייל זיי זענען דארט נישט ווילקאמען.

״אפילו דא, וואס וואלט געדארפט זיין א היים פאר טאבי און מיר, מחמת מיר זענען דאך הי געבוירן, זענען פאראן אזעלכע לייט מיט א פארדראס צו אונז, ווייל מיר זעען אויס און פירן זיך אויף ווי נישט־יידן. האלטן מיר זיך ביי די טראדיציעס פון אונזערע עלטערן, זאגט מען, אז מיר זענען א קליקע און קענען בשום אופן נישט ווערן קיין אמתע אמעריקאנער . . . ווייל מיר אסימילירן זיך נישט.

״רבונו־של־עולם, ווי פיינט איך האב דאס דאזיקע ווארט! אפילו היסטאריקער ווילן אויסמאכן, אז מיר זענען פשוט א פאלק פון וואנדערער אן ווארצלען. מיט גאטס הילף און מיט טאבים״ — דערביי האט ער לייכט זיך פארנייגט פאר טאבין — ״וועט קיינער דאס ווען ס׳איז נישט קענען זאגן אויף מיינע קינדער. זיי וועלן שוין יא האבן ווארצלען און מען וועט זיי נישט אזוי לייכט קענען פארטרייבן פון זייער לאנד.״

״רעדעס״, האט פרוי רפאל אים א זאג געטון. ״תמיד די זעלביקע רעדעס״. האט זיך געווענדט צום מאן, ״פארוואס קענסטו אים גארנישט זאגן, אנשטאט צו גאפיען דורכן פענסטער? וואס זעסטו דארט וויכטיקערס ווי דא אין שטוב?

מר. רפאל האט געהערט וואס זי האט געזאגט, אבער ר׳האט ווייטער געקוקט דורכן פענסטער. ער וואלט געוואלט זיי דערציילן פון זיין חיונה דא, ווי ר׳האט זיך גאנץ גוט ארויפגעארבעט. נו, וואס איז, אז זיין דירה האט זיך געגרענעצט מיטן ווערקשטאט און ענלעכעס קאן מען זאגן בנוגע זיינע פריינט? איז ער נישט געגאנגען אויף מקומות, וואו מען האט אים נישט געוואלט האבן. איז וואס? איז מען געגאנגען ערגעץ אנדערש־וואו. צום סוף האט זיך אלץ אויסגעגלייכט. אט די לעצטע פראזע האט אים זער אימפאנירט; ר׳האט זי באנוצט אויפסניי און אויפסניי, אלץ האט זיך אויסגעגלייכט. מען דארף בלויז האבן אביסל געדולד. די יוגנט אבער. . .

״די יוגנט לויפט אבער אלעמאל אין פייער ארייַן איבערצואנדערשן די וועלט,״ איז אים זיין ווייב אריינגעפאלן אין די רייד אריין, ווי זי וואלט אים געוואלט ארויסהעלפן דאס, וואס ר׳האט געהאט אין זינען, ״און די וועלט בלייבט וואס זי איז געווען ביזן סוף!״

[המשך אין קומענדיקן נומער]



יוסף לעפטוויטש:

# ד״ר יעקב מייטליס צו אכציק

אין פרק זאגט מען אונז, אז ווען א מענטש ווערט א בן־שמונים קומט אים צו א באזונדערער כוח, א ניי־געפונענע גבורה. זעט מען דאס איצט ביים קאלעגע יעקב מייטליס — ער זיצט כסדר איבער זיינע ספרים און, ניט קוקנדיק אויף זיין אפגעשוואכטער ראיה, זוכט ער, פארשט ער, פארגלייכט ער, דערקלערט ער. געהערט ער דאך צו די מענטשן, וואס האבן שטודירט אין די וויימארער צייטן אין דייטשלאנד און זענען, ביים אנהויב פון היטלערס קומען צו דער מאכט, געווארן אויסגעריסן און האבן זיך געפרואווט איינצופלאנצן אין א נייעם באדן אין זייער סכאלאסטישן ארום. ער האט זיך טאקע אין זיינע עטלעכע און פערציק יאר אין ענגלאנד צוגעפאסט צו דער ענגלישער וועלט, אבער ניט אינגאנצן. ס׳איז ניט יענע סביבה פון דער האכשולע פאר יידישער וויסנשאפט און פון אזעלכן ווי דער בראשית פון ייוו״א.

געקומען איז מייטליס קיין לאנדאן נאך אין א צייט זיך צו טרעפן מערערע מאל מיטן נעסטאר פון יידישן פאלקלאר — הרב משה גאסטער. ער האט זיך אויך געטראפן אין לאנדאן, און געווען ביי דער לוויה פון דעם פאטער פון פסיכא־אנאליז און פסיכיאטריע, ד״ר זיגמונד פרויד; אליין אויך א פליט פון נאצי־ווין. ביידע, דער חכם גאסטער און ד״ר פרויד זענען געווען פרעזידענטן פון ייוו״א און ארום זייער אנוועזנהייט האט יעקב מייטליס געשאפן א שטארקע ייוו״א־אקטיוויטעט אין ענגלאנד. מיט דער צוהילף פון אזעלכע פערזענלעכקייטן ווי פראפ. צאלשאן, שלמה בירנבוים, ד״ר יצחק נחמן שטיינבערג און זיין ברודער אהרן שטיינבערג איז עס יעקב מייטליסן געלונגען צו שטייגערן די ייוו״א־ארבעט, ספעציעל צווישן א גרופע סטודענטן, וואס זענען געבליבן שטעקן אין לאנדאן נאך דעם ווי זייערע משפחות זענען אריינגעפאלן אין נאצישע הענט אין אקופירטן אייראפע. צווישן די פריינט פון ייוו״א האט זיך דעמלט אויך געפונען סטעפאן צווייג, א פליט ווי אלע אנדערע פליטים.

ס׳איז דעמלט געווען א צייט, ווען ס׳האבן זיך געפונען אין לאנדאן א גרויסע צאל יידישע זעלנער פון דער פוילישער ארמיי. און ווען די ברידער בן־ציון און אלעקסאנדער מרגליות האבן געעפנט דאס פוילישע הויז אויף גאאוער־סטריט, איז יעקב מייטליס געווען דער לייטער דארט. גלייכצייטיק האט ער געארבעט פאר דער געזעלשאפט ״ארט״, פארן קרן־קיימת און פאר די ציוניסטישע קינדער־שולעס אין ענגלאנד.

און על־כולם איז ער דאך אויך דער פילאלאג און פאלקלאריסט, ווי ד״ר חיים שווארצבוים פון ״אינסטיטוט פאר יידישע און אראבישע פאלקלאר פארשונגען״ אין ישראל באטיטלט אים. איז דאך יעקב מייטליס די אויטאריטעט איבערן ״מעשה־בוך״. ווי שרייבט חיים שווארצבוים? — ״מייטליס האט אפגעגעבן א לעבן־לאנג צו פארשן דאס מעשה־בוך״. אויך דאס מייסטער־ווערק, צינבערגס ״געשיכטע פון דער יידישער ליטעראטור״ דערמאנט מייטליסעס

מאנאגראפיע ״דאס מעשה־בוך״, וואס איז דערשינען אין דייטשלאנד אין יאר 1933, ווען היטלער איז געקומען צו דער מאכט.

די אנדערע פארש־ארבעטן מייטליסעס, ווי ״די שבחים פון רבי שמואל און רבי יודא חסיד״, אין וועלכע ער רעדט ארום דעם ענין פון יידישן פאלקלאר, זענען בעצם א טייל פון א גרעסערער פארש־ארבעט איבער דער געשיכטע און אויפבוי פונם אלט־יידישן מעשה־בוך, זיינע מקורים און מאטיוון. און שטענדיק באטאנט מייטליס, אז ״אט די ארבעט איבער יידישן פאלקלאר איז בעצם נאר א טייל פון א גרעסערער פארש־ארבעט״. ס׳איז א רינגל אין א גרויסער קייט, וואס נעמט ארום ניט נאר יידישע געשיכטע און יידישן שטייגער־לעבן, נאר מענטשלעך פאלק־לעבן איבעראל. און ס׳איז מעשיות ביי אלע פעלקער און אין אלע לענדער. ס׳איז א באצויבערנדיק שטודיום. אט איז מיר די טעג געקומען אין דער האנט אריין אן אפהאנדלונג וועגן פאלקלאר דארטן אין רוסלאנד. ווייסן מיר יידן דאך זער אסך וועגן דער ״גאלדענער פאווע״, אונזער ״גאלדענע פאווע״. ״איז געפלויגן די גאלדענע פאווע אוועק״. לייען איך איצט וועגן רוסישן פאלסליד, אז ״ס׳זענען פאראן אלטע מעשהלעך, וואס אלע קענען זיי — אזוי די לידער פון דער גאלדענער פאווע, וואס נאר א פעדער פון דער גאלדענער פאווע קען היילן די קראנקע פרינצעסין. אזוי אויך אן ענגליש ליד פון דער גאלדענער פאווע, זי פליט און פליט, און אין פליען פארלירט זי א גאלדענע פעדער. און די גאלדענע פעדער איז אזוי שווער, אז קיינער קען זי ניט אויפהויבן. איז דא גענוג פאר אונזער אכציק יעריקן פריינט, ד״ר יעקב מייטליס, צו פארשן, פארגלייכן, געבן צו דערקלערן. זאל עס אים וואויל באקומען! זאל ער האבן א גוטע עלטער.

## א בריוו פון ד״ר ש. לעווענבערג

(געליינט אויף דער פייערונג לכבוד דעם בעל־יובל האט לעסלי באר)

חשובער פריינט שטענצל,

איך האב געלעזן אין פאריזער ״אונזער ווארט״ אז ״לשון און לעבן״ און ״די פריינט פון אידישן לשון״ ארדנען איין א ליטעראַרישן נאכמיטאג לכבוד דעם שרייבער י.ח. קלינגער. וויל איך אים צושיקן — דורך אייך — א ווארעמע באגריסונג אין נאמען פון ״בארד אוו דעפוטיס פון בריטישע אידן״ און אויך אין מיין אייגענעם נאמען.

מיר דוכט זיך אז איך האב געלעזן אלע קלינגער׳ס ווערק. ער האט א גרויסן חוש פאר אידישער ליטעראטור און געשיכטע. זיין שפראך איז א רייכע און זאפטיקע. ער איז אויך א פייאיקער ארגאניזאטאר; ער האט עס בוויזן בעת ער איז געווען דער דירעקטאר פון דער אידישער קולטור־געזעלשאפט געשאפן דורך די פועלי ציון.

בעת מיין לעצטן באזוך אין ישראל האב איך זיך איבערצייגט אז דוקא דארטן איז שטארק געוואקסן דער אינטערעס צו אידישער שאפונג.



הגם מיין געזעלשאפטלעכע טעטיקייט איז קאנצענטרירט אויף פארשידענע אנדערע שטחים, האב איך פארענדיקט מיין רעפעראט אין תל אביב מיט די ווערטער: ״נצח אידיש לא ישקר״...

אייער מסיבה און י.ח. קלינגער׳ס לאנג־יאריקע טעטיקייט זיינען א באשטעטיקונג פון דאזיקן גלויבן.

מיינע הארציקע גרוסן פאר אייך, דעם בעל־יובל און אלע וועלכע האבן זיך פארזאמלט אים צו באערן צו זיין 70־יאריקן געבורטסטאג. לויט דער אידישער טראדיציע ווינש איך דעם ערן־גאסט פון דער מסיבה עד מאה ועשרים!

אייער, ש. לעווענבערג.

## ש. גאלדשמידט: קלינגער — א בן שבעים

זיבעציק? וואס איז בעצם זיבעציק? דוד בן־גוריון האט מיר אמאל געזאגט: ״מיר אלטערן זיך ניט אלע אין דער זעלבער מאס״. ווען איך האב צוגעגעבן, אז איך קען יידן, וועלכע ווערן געבוירן אלט, האט ער געלאכט און באמערקט: ״כ׳קען אויך א זעלכע. מאנכע זיצן אפילו ביי מיר אין קאבינעט״...

הכלל, זיבעציק איז ניט קיין מאגישע ציפער. קלינגער איז זיבעציק נאר לויטן לוח. אבער א שמחה טוט ניט קיין חסרון, און יידישע שרייבער זיינען ניט איבערגעזעטיקט מיט פייערונגען. איז גוט וואס מיר זיינען דא און פייערן א שמחה לכבוד קלינגערן.

פאראן נאך א סיבה צו פייערן. קלינגער איז א געפונענער. בדרך נס איז ער ניצול געווארן און זיך געפונען אין לאגער פון מיראנדא דעל עברא, אין שפאניע. די איראניע האט געוואלט, אז דוקא א פאשיסט ווי פראנקא זאל העלפן ראטעווען א ביסל יידן, א הייפל. און קלינגער איז געווען צווישן זיי. ער האט נאך א ביסל שפעטער באוויזן צו דינען אין דער בריטישער ארמיי. הכלל, ער איז אוד מוצל מאש. נאך דער ארמיי איז ער געבליבן אין לאנדאן, ניט געפארן צוריק קיין פראנקרייך. היות ער האט געלעבט און געארבעט ביי אונז, דאהי, האבן מיר אלע מעגליכקייטן אים אפצושאצן. ער האט פון סאמע אנהויב געגאסן פון ביידע וועלטן — תורה און חכמה, יידישקייט און וועלטלאכער וויסן, תלמוד און אייראפייאישע ליטעראטור און פילאזאפיע. אזוינע יידן זיינען געווען א סך פאר דער מלחמה: קאוונע און ווילנע, ווארשע און קראקע, לובלין און לעמבערג, ווין און בודאפעשט זיינען געווען פול מיט זיי. היינט זיינען זיי א זעלטנהייט. זיי זיינען אוועק מיט די זעקס מיליאן. אין ישראל וואקסט א נייער דור פון תורה און חכמה, אבער עס וועט נאך נעמען א ביסל צייט. קלינגער איז איינער פון די יחידי סגולה, אין ענגלאנד ממש א יקר־המציאות. ער רעדט אויך עטלעכע שפראכן. אבער זיין שפראך אלס שרייבער און רעדאקטאר, זיין מעדיום, אין מאדערנעם לשון, איז געווען און געבליבן יידיש. עס וואלט גענומען א פסיכאלאגישע אפהאנדלונג זיך צו דערגרונטעווען פארוואס דוקא יידיש, היות ער באהערשט העברייאיש זייער גוט און פויליש אויך זייער גוט. כ׳בין מסופק

צו עס איז מיין עובדה. דער פאקט איז, אז קלינגער איז א יידישער שרייבער און האט די מערכה פון א יידישן שרייבער — די שמחות פון עפעס אויפטאן און די עגמת־נפשן פון מאנגל אין יידישע לייענער; די סאטיספאקציע פון זען א געדרוקט יידיש ווארט נאך דער מלחמה און דעם הארץ־ווייניק צו פילן, אז יונגע מענטשן אונטער פופציק־זעכציק דארפן אן איבערזעצונג. דאס איז די מערכה פון אלעמען: אנהויבנדיק פון באשעוויס זינגער — צוליב זיין נאבעל־פרייז מוזן מיר אנהויבן פון אים — און געדיינקענדיק א חיים גראדע, אן אברהם סוצקעווער, א מאיר יעלין, אן עליע שעכטמאן, א הירש אשעראוויטש. דאס איז זייער גורל. אזוי האט געוואלט דער שר האומה. עס מאכט זיי ניט פאר קלענערע שרייבער. עס מאכט זיי נאר פאר שרייבער מיט לייענער אין קלענערע צאלן ווי זייערע ווערק וואלט עס אביעקטיוו פארדינט. קלינגער איז אין דער דאזיקער געזעלשאפט — א שיינע געזעלשאפט, אויף אונז אלעמען געזאגט געווארן, אבער א באשרענקטע.

איך בין מתפלל זיי זאלן געפינען א תיקון אין א העברייאישער איבערזעצונג. "הלואי אמן" — האט מיין אלטער חבר הירש אשעראוויטש געזאגט. כ'בין זיכער אז קלינגער זאגט דאס זעלבע.

קלינגער אלס שרייבער: ער איז בעצם מער גענייגט צו דער קורצער דערציילונג איידער דער לאנגער מעשה, דעם ראמאן אין פיר טיילן... אין א קורצער דערציילונג נעמט ער ארום א תקופה, א שטייגער, א פאר כאראקטערן און א געשעעניש. אמאל פארשפרייט ער זיך א ביסל לענגער, אבער ניט צו לאנג. "דער צדיק פון מיראנדא" איז א ביסל לענגער, אבער אזוינע זאכן ווערן ניט געמאסטן מיט א מעטער־מאס.

קלינגער האט נאך א סטרונע צו זיין פידל, ווי מען זאגט עס: ער איז א רעדאקטאר מיט טאלענט, איניציאטיווע און עקשנות — א נויטיקער סימן פאר א יידישן רעדאקטאר. אליין, אן ליטערארישע, אפטמאל אן מאטעריעלע, הילף, גיט ער כסדר ארויס יידישע זשורנאלן, די לעצטע סעריע איז "יידישקייט", וואס איר קענט אלע. עס זיינען געווען פריערדיקע אויך. אלע זיינע אויסגאבעס האבן א יידישן טעם און א אייראפייאישע צורה. קיין גרעסערן קאמפלימענט קען איך ניט מאכן. דא קומען אריין קלינגער'ס תורה און זיין אייראפייאישער וויסן. ער איז א מושל בכיפה אין זיינע זשורנאלן. דאס האט דעם חסרון פון שווערע ארבעט, אבער די מעלה פון ניט האבן קיין שותפים און ניט פטרן צייט אויף וויכוחים. ווי ער וויל אזוי רעדאגירט ער. דער סך הכול איז א פיינער זשורנאל יעדעס מאל.

אזא אויפטו וואלט געווען א נס אין ניו יארק אדער תל אביב. אין דעם יידישן מדבר פון לאנדאן — איז אזא דערגרייכונג אן ענין פון פלאי־פלאים.

אט ווי מיר ריידן דא איז קלינגער שוין באשעפטיקט מיט א נייעם נומער פון "יידישקייט".

שרייבער קען מען, מיט שוועריקייטן, געפינען אין אנדערע לענדער. די פאסט גייט נאך, כאטש זייער לאנגזאם. ס'זיינען נאך פאראן א דוב סדן, א



שמשון מעלצער, נאך א פאר שרייבער אין ניו יארק. אבער דרוקער, גוואלט דרוקער! ניטא אין לאנדאן קיין איין אנשטענדיקער יידישער דרוקער — אנשטענדיק אין זין פון טיכטיק און ניט ארנטלאך — און מען קען דא ניט דרוקן עפעס רעכטס. דאס איז א יידישער סימן דלות, ווארום העברייאיש און יידיש דרוקט מען אין דער זעלבער דרוקעריי, אין די פירעקיקע אותיות. אבער מען קען אזא דרוקעריי ניט געפינען אין ענגלאנד.

פארט קלינגער קיין פאריז זוכן א דרוקער. און ער קומט לסוף אראפ מיט א פיינעם זשורנאל. אין פאריז טליעט נאך עפעס דערוויל.

איז דאס א לעבן ביי ציוויליזירטע מענטשן פאר א רעדאקטאר פון א זשורנאל? אבער קלינגער איז עס מקבל באהבה. ער ווייס ווו מיר האלטן און ער דינט זיין גאט געטריי כל זמן די כוחות סטייען — און ער האט נאך א סך.

כ'וואלט געזאגט, אז מיר אלע צוזאמען זאלן ארויסגעבן א בראשור, א קורץ ביכל, א פאמפלעט, ווי איר ווילט עס אנרופן, אפצומערקן דעם יובל פון היינט. כ'וויל האפן, אז עס וועט זיך געפינען א גרופע, וואס וועט עס קענען פארווירקליכן. זאלן זיי זען ווי מיר פייערן, און זאל קומענדיקע דורות — יידן זיינען אן אייביק פאלק, עם עולם — געפינען עפעס געדרוקטס וועגן א יידישן שרייבער נאך דער צווייטער וועלט־מלחמה...

דערוויל — א סאלוט און יישר־כוח פון איינעם פון דיינע געטרייע מיטארבעטער. כ'קום ניט אפט דורך מיט מיינע רעדאקטארן. קלינגער איז איינער פון די מיט וועלכע איך גיי מיך אן.

זיי מיר געזונט און שטארק, און לאז מיר שיקן די נעכסטע אויסגאבע.

## חכמים הזהרו בדבריכם!

(פון י.ח. קלינגערס רעדע ביי דער פייערונג לכבוד זיין יובל־השבעים)

אמת, מיר לעבן אדורך א טראגישע ירידה אין אונדזער יידישער ליטעראטור. איך מוז דא אפן זאגן: איך פארטראג נישט קיין פארנאגראפיע מיט וועלכער סע ראיעט ארום אייגענע וויסער עלעמענט אין די היינטצייטיקע שאפונגען אויף יידיש! וואס ווערט קאמערציעל פארצוקערט אויף דער סעקס־בערזע פאר די גוים און כאפט אריין אויך דעם פארפירטן! אפגעפרעמדטן דור יידישע יונגע מענטשן ווערן אלץ וואס איז טייער און הייליק ביי אונדז יידן, יידישע יידן, איז זיי פרעמד, ווייל אין די ד' אמות פון זייערע עלטערן איז פאר זיי גארנישט צוגעגרייט געווארן, חוץ אוניווערסיטעט־דיפלאמען... ביי מיר איז ליטעראטור א גרויסער ענין: ליטעראטור מוז אטעמען מיט גרויסע אידעאלן אין גייסט פון אונדזער נביאים; מיט די הומאניסטישע אידייען פון וויקטאר הוגא, עמיל זאלא, טאלסטוי, ועל־כולם י.ל. פרץ, ביאליק, דער וואס האט געעפנט די טיר צו וויסן וואס עס איז אזעלכעס יידישער נוסח אין אונדזער צווייישפראכיקער ליטעראטור! ליטעראטור איז נישט חוזק־מאכן און אפשעפטען פון בחיר־היצורים, פונעם מין מענטש און אים צו פארוואנדלען אין א ביליקער און לעכערלעכער קאריקאטור...

א. נ. שטענצל —

## געשריבן, געשריבן

געשריבן און געשריבן
ביגל ויצן געבליבן
מיט דער פעדער ביי דער נאז —

אפנים אויסגעגאנגען!
ס'ליד פון מיינע געזאנגען
נישט דערשרייבן שוין כ'וועל מער.

ויך איך טויט־מיד פארלעגן,
אז זי זאל זיך באוועגן,
טון טוען א מינדסטן בלאז.

און צי קאן דען ווער ליי'נען
א פארגליווערט טויט וויינען —
אין אויג הענגענדיקע טרער?

## סלעצטע ליד

איז עס טאקע ס'לעצטע ליד,
ציטערט נישט האנט ביים שרייבן?
האט זי נישט שוין ביים ערשטן
נ'וויפיל געטון אנקלייבן — —

נאר ווייסן דען די פייגל,
אז זייער ליד מ'טוט הערן?
און אז מיר ליי'נען פון זיי,
צי ווייסן'ס דען די שטערן?

• • •

אזוי ווי כ'האב זי געזען,
אזוי כ'וועל זי פארלאזן,
א וועלט מיט זון, מיט שטערן,
מיט בלומען און מיט גראזן.

אז אויף דער דאזיקער וועלט
נישט בחינם געקומען,
עס וועלן ווידער וואקסן
פון מיר גראזן און בלומען —

ווי שיין זי איז אונזער וועלט,
אז כ'האב זוכה געווען
איר שיינקייט צו באשרייבן — —
בלויז צי ס'וועט ווער עס לעזן?

פיקן ס'וועלן די פייגל,
און אויף הימל די שטערן — — —
קוקן זיי דען נישט אראפ
צו ווייסן וואס ס'ווערט ווערן?

## מיין שוואנען־ליד

ווי איך מיין גאנצן לעבן,
געשליידערט אהין אהער,
אזוי מיין ליד — איז עס דאך
א טראפן פון מיר — מיין טרער.

מיין שוואנען־ליד, מיין ווידוי,
קוים נאך כ'צונויפגראם אצינד?!
וואלט איך עס דען געקענט אן
דער פרייד פון א נאריש קינד —

מיין שכר דערפאר גאנץ געהאט —
אין יענעם ביטערסטן טאג,
א ליד געשריבן איך האב,
פרייד געווען ביטערסטע פלאג.

ווי איך מיין גאנצן לעבן,
געשליידערט אהין אהער,
איצט, מסתם, נ'גרוב אריין —
נו, איז וואס־זשע שוין דער מער?



## וואלט איך געקענט

וואלט איך געקענט אויפהערן שרייבן,
און ערגעץ־וואו ס'איז מיך פארקלייבן,
און ביז לעצטער רגע אזוי בלייבן.

אין מענטשן און אין וועלט — — אבער אז
אין זיך אליין מ'הערט שוין אויף גלייבן!

בייטאג מיט זון, ביינאכט מיט שטערן,
און ווען ס'רעגנט מיט מיינע טרערן
צו יעדנס הארץ־קלאפ מיך צו הערן —

צו מיין יעטוועדן געדאנקען־גאנג
ביז צום לעצטן טראט און אויפהערן —
— — — — — — — —

בלויז אז אלץ, וואס כ'טו, נאכמאכן!
פון זיך אליין זיך אויסצולאכן — —
מיין בליק שוין כ'שעם מיך אויפצומאכן!

וואלט איך הימל געקענט דערלאנגען,
ווי שפיגל מיט ליילעך פארהאנגען.

★ ★ ★

... נאך א וואך, נאך א חודש, נאך א יאר,
פון וועלט שוין נישט ווערן מערער געוואר.

קלאר, אביסל ביטערער אפשר יא נאך —
א טאג לענגער לעבן ס'הארץ חלשט דאך.

איז מילא וואס דא צו קלערן אסך,
אנגעלעבט א לעבן־לאנג כך וכך.

הלך משה מרדכי — געגאן־א גאנג!
ווייניקער א לידל, מער א געזאנג —

נישט וואגיקער ווערן מיט נאך א גראם,
אויב צוגעשריבן זיין ס'וועט נאך א גראם.

פון אלע סך־הכולס — דער סך־הכול,
און פונם גאנצן בכל מכל כול — —
— — — — — — — —

א שטיקעלע צוואה? ווער, וואס, ווען!
נאך וואס־זשע דאך און צו וועמענען דען?

נו, דריי איך מיך פון דער וואנט צוריק אויס
און קריך מיט פרישן כוח פון בעט ארויס —

אין מיינע צעקנייטשטע הויזן אריין,
ווייטער מיט מיין וועלטעלע אנצוגיין.

אן קדיש־יתומל — נעבעכל מיין,
אן א יורשל — — ונאמר אמן.

## אן אויסגעניכטערטער

מיין שוואנען גזאנג דאך שוין אויפגעשריבן,
איז וויאזוי איך נאך לעבן געבליבן?
יא, אמת טאקע, איך לעב שוין נישט מער!
כ׳דריי מיך נאך ארים אזוי וואגלדיק,
אויף עולם התוהו אהין אהער.

וואקלט דען נישט א שכור האלב באזאפן?
אזוי איך אצינדער אין די אין־סופן!
ביז ליגן בלייבן, כ׳וועל שטיל ערגעץ ווו,
אן אייסגעניכטערטער פארחלומטער —
אזא טויט פערתמטערניע טאם אין ניע טו.

## לעצט ביסל גלויבן

גרוי־פארוואלקנט ס׳איז דער הימל,
אויף פעלד געשניטן די זאנגען,
די פייגל אוועקגעפלויגן,
מיט לעצטע געזעגן־געזאנגען.

אזוי טרויעריק אויפן הארץ,
אזש ס׳ווילט זיך אויפן קול וויינען:
שרייב איך א לידל שטילינק אן
פאר מיר אליין עס צו לייענען.

ווי טרויעריק אזא ליד איז,
אז ס׳הארץ קאן צעריסן ווערן!
יא, פארבלוטן דערפון מען זאל,
אבער אינם אויג קיין טרערן.

ווארום אז ס׳זאל עס ווער לייענען,
קיינער כמעט מער פאראנען —
אין דער צייט אוועקצופליען
נארישסטער פויגל פארשטאנען.



גרוי־פארוואלקנט ס׳איז דער הימל,
און אן אויפהער ס׳טריפט דער רעגן;
צי לייענט ווער אויבן מיין לידל,
ס׳ווילט זיך פרעגן שטיל פארלעגן.

ווארום וואס זיינען די טראפן,
וואס קומען פון הימל אויבן — —
אויב פארלירן איך וועל שוין אויך
אינם ליד לעצט ביסל גלויבן?

## נישט משיג צו זיין

אזא ליכטיקער הערבסט טאג,
דער הימל שפיגלדיק ריין,
און איך, כאטש זעץ זיך אויף א
שטיין איינער אליין און וויין.

און אז ריידן איז צו זיך
און מיך אליין נישט פארשטיין —
מיין הארץ אן אומר־זייגער,
אט־אט הערט ער אויף צו גיין.

איך קוק ארויף צו דער זון,
און קאן עס קוים משיג זיין:
ווי אזא שטיל־צעשטראלטע,
איבער דער וועלט זי קאן שטיין.

אז יעדער איינער פון אונז,
ער קוקט נאר פאר זיך אליין
און די גאנצע וועלט ארום,
קאן כאטש אין מעג אונטערגיין

אזא ליכטיקער הערבסט־טאג,
וואנדערלעכער זון פארגיין!
מוז דאך פארט אזוינס דאך זיין,
וואס מיר קאנען קוים פארשטיין.

## די טויבן אויפן דאך

(פאר פריינט נחמן רובין צו זיין 80סטן געבורן־יאר און א רפואה שלימה
פאר זיין ליבע פרוי)

ווידער באגראמען די טויבן,
וואס שטייען אויפן דאך אויבן,
עס איז דאך מיין הארץ אזוי מיד,
וואס שוין וועט דאס זיין פאר א ליד?

טאקע "שנות גבורה" יארן,
און אויבן ס׳געוואָרקע, ס׳פארן,
איז טו כאטש א שמייכל, א לאך,
און זאג פרק מיט טויב אויפן דאך.

## די טויבן אין פאלקסטן

נישט קיין טויבן־נעסטן
זיי ברויכן צו קלעבן,
מיט טויב און טייבלעך
דערינען צו לעבן.

גאנצן גייענדיקן
טאג ארומגעפלאטערט,
צוגעפאלענע נאכט
וואו ס׳איז אפגעפטערט.

וויינען זיי, לאכן זיי,
קלאגן זיי, צי לויבן?
הארץ געפלאטער מיט פרייד
פארטויבן, דערהויבן —

"יונתי תמתי" — —
ס׳געזאנג פון געזאנגען!
זייער הארץ־געמאטער
מיט זון אויפגעגאנגען.

## סאנעט

ס׳געפאלענסטע געמיט
זיי דערהויבן ווידער,
פארצערטסטע הארץ ציטערט אויף
מיט פלאטער פון לידער —
— — — — — —

אין שטאט טויב פאר ביס־ברויט
טיף אין שטויב געקראכן;
ס׳הארטסטע הארץ ווייך מאכן
מיט געווארקע־אכן.

פון דעם נאך צו ברענגען
פאר טייבל א ברעקל,
אדער צומאל גאר כאטש
פון צונג רק א לעקל —
— — — — — —

ביים ים צווישן וועלדער
ווער מיט זיי זיך גלייכן?
זייער געוואי־געזאנג
דערגרייכט העכסטע הייכן.

אז וויאזוי פארשטיין
ווען דער מוח ארבעט נישט מער!
אלצנדינג נאך וואס איצט איך הער,
אין מיין הארץ — א געוויין.

מיין מחשבה, מיין מיין,
אויסגעלאשן פון א טרער;
דאס געמיט ווערט אזוי שווער,
ווען איך טראכט וואס ס׳וועט זיין—

אויב א קריג אצינד ווערט,
ווידער פאכן די שווערד
איבער אונזערע קעפ דאך.

פאר מיין בליק רק עס שוועבט
וואס מיר האבן דערלעבט
אין לעצטער מלחמה נאך.

## דער שאקלדיקער ים

ווי שטיל דער שאקלדיקער ים,
ער וואלט שמונה־עשרה געשטאנען;
די טויבן ארום דאווענען מיט,
זייער יעדעםווארט כ׳וואלט
פארשטאנען.

אז מ׳קוקט זיך גוט ארום זעט מען
א באשעפער איז דאך פאראנען —
בעטן כ׳קען נישט, אבער א דאנק
איידער איך גיי אוועק פונדאנען.

## אויף מיין קבר . . .

. . . און ווען איך וועל שוין אויסגיין,
ביי מיין בעט קיינער נישט שטיין,
נישט הערן קיין שום געוויין,
א ברום טון צו מיר: ״אליין,
עס איז די נשמה ריין״.

יא, קיין שום מצבה־שטיין
אויף מיין קבר ס׳וועט נישט שטיין
די זון נאר ביי איר פארגיין
א רגע שטיל בלייבן שטיין:
״מיך דאך באגראמט אזוי שיין!״



## שפאצירנדיק ביים ברעג

עס איז דער טויט אומענדלעך,
און דאס לעבן — א רגע;
ווער עס כאפט עס נישט אריין,
לא־עלינו, א ״פגע״.

ווארום צוריקכאפן
קאן מען שוין נישט מער!
נו, דרייט מען זיך ארום
א נאר אהין אהער.

אלט שוין, שוואך און געבויגן,
און עס העלפט נישט דאס כליפן,
כאטש ס׳ביסל כוח נאך האבן,
פארבייסן שטיל די ליפן.

ווארום צוריקכאפן
קאן מען שוין נישט מער!
נו, דרייט מען זיך ארום
א נאר אהין אהער.

איינציזקער צוועק געבליבן
צו גיין ארום און פרייכן,
און מיט לעצטן ביסל כוח
דעם לעצטן ברעג דערגרייכן.

ווארום צוריקכאפן
קאן מען שוין נישט מער!
דרייט מען זיך ארופ
א נאר אהין אהער.

א בריק געוועזן איבער ים
זיך געקענט אריינווארפן —
דרייט מען זיך אהין צוריק,
אויף דער ריי ווארטן מ׳דארפן.

ווארום צוריקכאפן
קאן מען שוין נישט מער!
נו, דרייט מען זיך ארום
א נאר אהין אהער.

## דער ים

קומט אהער, שוין פלינק צוריק —
געפינט אויף גארער ערד קיין ארט!
ווי ער שוימט און ווי ער ברומט
פון כעס, פון פרייד — פארשטיין
א ווארט?

אויף יענער זייט פון דער וועלט,
צי גאר אויף דער זייט פון דער ערד
דאס זעלבע ס׳איז אומעטום,
אין טראפן כאטש זאל זיין
פארקערט.

אט רוט ער פארחלומט שטיל,
שוין אהין־אהער אן אויפהער —
עס איז דער ים, מן־הסתם,
פון גאטס אייג געפאלענע טרער.

## דאס פייגעלע זינגען נישט מער געהערט

דעם גאנצן פרילינג און א גאנצן זומער,
דאס פייגעלע זינגען נישט מער געהערט ;
אפנים אויף וועג א ליבע געפינען,
און א הער דא מער נישט צוריקגעקערט

באגינען הינט נעמען בילן, קעץ מיאוקען
און אויפן הארץ אלץ טרויעריקער ווערט :
אפשר געשטארבן גאר צוריק אויפן וועג,
צי פון א ווילדן רויב־פויגל פארצערט ?

האפנטלעך אויפן וועג אהער דא צוריק,
א ליבע אים געווען ס׳איז באשערט —
פון גאנצן הארצן פארגין איך עס אים,
כאטש מיינס פון בענקשאפט גאנץ פארצארט פארצערט.

כ׳געדענק דעם קוימען פון ווו זיין ״ממקומך״,
אין די אונטן זינגען אים געהערט — —
גיי איך אים פארביי מיין מרה־שחוריק הארץ,
בלייבט שטיין און ממש צו קלאפן אויפהערט.

## ״על ערבים בתוכה תלינו כנרותינו״ [תהלים קלז א]

דאס ״הושענא״ איינרייסן,
נאך אלע געוואלטיקע,
מוראדיקע געזאנגען ?
מ׳רייסן די פידלען אראפ,
ווו מיר זיי אויפגעהאנגען !

איבער גאנצן ערד־גלגל,
גרויסן גלות, גרויזאמען,
טיף־געבויגן געגאנגען —
די צווייגן מיר ברעכן איצט,
אויב ד׳פידלען נישט דערלאנגען ! !

איז דען נאך דא א ווייטער,
נאך דעם וואס אויסגעשטאנען —
דעם חשכות־וועג דעם לאנגען,
די ווייט־־ווילדע וויסטעניש,
צווישן גיפטיקע שלאנגען ?

פארוואס ס׳הושענא־קלאפן,
נאך אלע געוואלטיקע,
מוראדיקע געזאנגען ?
וועסט דו נאך לענגער ווארטן,
מ׳וועלן זיין אויסגעגאנגען.

הושענא־רבא, תשמ״א



## 40 יאר ״לשון און לעבן״

כ׳האב שוין געמיינט, אז דער פאריקער נומער ״לשון און לעבן״ וועט נישט מער ארויס. גאט איז א גוטער און איך גרייט שוין צו דעם איצטיקן, דעם 483סטן נומער און פערציקסטער יארגאנג ״לשון און לעבן״. דער ערשטער נומער איז ארויס תשרי, 1940, ווען די דייטשע באמבעס זענען גאנצע טעג און אויפהער געפאלן איבער די גאסן און געסלעך פון ווייטשעפל. אויך ״די צייט״ איז געווארן געבאמבט וואו איך בין דעמלט געווען א מיט־ארבעטער.

דער ערשטער נומער איז ארויס, און אויף איין ״מאסן־פארזאמלונג״ אינ־גאנצן אויספארקויפט געווארן — דער נומער אנטהאלט בלויז מיינע לידער. מיט דער צייט איז עס געווארן ׳לשון און לעבן׳ טייל מיט 22 מיטארבעטער; אין די לעצטע 4—3 יארן שוין א פערטל־יאריקער — די לעצטע 2 נומערן שוין 6־חדשימדיקע. נישט די לייענער זיינען דא מער און אויך נישט דער גרויסער רוב פון די מיטארבעטער.

אויב די לעצט 6—5 נומערן זיינען דאך נאך ארויס, איז טאקע אמת ווי דער פרק זאגט: בן שמונים לגבורה. דער לעצטער נומער איז טאקע אויך ארויס, אבער מער ווי די העלפט איז ליגן געבליבן — אפנים דער ״לגבורה״, וואס דער פרק זאגט מיינע צו האבן כוח צו שרייבן. — אבער צו פארקויפן מוז מען טאקע האבן אמתע כוחות.

וועט טאקע זיין דער הייניטיקער נומער ״לשון און לעבן״ א טאפלטע שמחה, ווייל ס׳איז די וואך נאך ראש השנה, ווען ס׳ווערט 40 יאר ווי דער זשורנאל האט אנגעהויבן צו דערשיינען.

• • •

וויאזוי איז דער ערשטער נומער ארויס ? טאג־טעגלעך ווערט ווייטשעפל אן אויפהער געבאמבט — אין דער וועסט־ענד גייען ארום מוזיק־בענדס און אן אויפהער ווערן געטראסקעק פריילעכע מארשן — אי מ׳זאל נישט הערן דאס באמבען פון ווייטשעפל און די שטילע פארהאנדלונגען : אפשר דאך שלום שליסן מיט דייטשלאנד. — ווען נישט טשוירטשיל, וואס וועט בלייבן דער גרויסער אין דער געשיכטע, וואלט עס מסתם געשען.

ווי געזאגט, ווייטשעפל ווערט טאג־טעגלעך געבאמבט, די טאג־צייטונג ״די צייט״ גייט נישט ארויס. איז וואס טוט מען מיט מיינע לידלעך, וואס איך שרייב ?

אקייגנאיבער ״דער צייט״ איז די נאראדיצקי־דרוקעריי, וואו יוסף חיים ברענער פלעגט דרוקן זיין ״המעורר״. — פאר 3 פונט דרוק איך אפ ביים אלטן נאראדיצקי די ערשטע 8 זייטלעך.

דער אלטער נאראדיצקי איז שוין נישטא, עליו השלום. דער עלטסטער זון זיינער, בר־כוכבא, אויך נישט. די נאראדיצקי־דרוקעריי (נאראד־פרעס) עקזיס־טירט נישט מער. דריק איך אויס מיין טיפן דאנק פריינט כרמל נאראד פאר די פריינטלעכע באציאונגען צום זשורנאל ״לשון און לעבן״ — כמעט 40 יאר !

נ.ב. די גאנצע צייט בשעת מלחמה האט יעדער נומער געמוזט טראגן אן אנדערן נאמען, ווייל אין מלחמה־צייט איז נישט דערלאזט געווען אנהייבן ארויסגעבן נייע זשורנאלן, נאר באלד נאך דער מלחמה איז ער ארויס אונטערן נאמען ״לשון און לעבן״.

ש.

## דוד קאַץ: 40 יאר לשון און לעבן

ס׳לעבן שטעלט זיך צונויף פון קאמפראמיסן און דאך בלייבט דער אמתער מאמין ביי זיינס. פון די פינצטערע מלחמה־טעג ווען ס׳איז געבוירן געווארן **לשון און לעבן** צווישן די אויסבאמבארדירטע געסעלעך פון לאנדאן־ווייטשעפל ביזן היינטיקן טאג ווען דער גרעסטער חלק פון יונגן דור יידן בלייבט דערווייטערט פון די אוצרות פון יידיש לשון און פון דער יידישער ליטעראטור, איז ״לשון און לעבן״ א סימבאל פון קיום און המשך, פון אלצדינג וואס איז ליב און טייער דעם יידיש־יידן, וואס פארבינדט אין דער לענג דעם עבר מיטן איצט און אין דער ברייט די סאמע ווייטסטע מקומות: דהיינו, די טויזנטיאריקע אשכנזישע יידישע ירושה.

**לשון און לעבן** און די יידיש־ליטעראַרישע שבת־נאָכמיטיקס דערוויזן אז עקשנותדיק גלויבן איז גובר גייסטיקע קאלטקייט, מסירת־נפשדיקע הארעוואניע איז שטארקער איידער דחקות. די אזוי־גערופענע ״ליבהאבער פון יידיש״ וואס באזינגען דאס יידישעווארט און בשעת מעשה באקלאגן זיי די מערכה פון יידיש — די מחנה איכה־בדדניקעס — טוען אונדז ניט ווייניקער שאדן איידער שונאי־יידיש ממש. בלויז דורך ענערגישער איבערגעגעבנקייט און קאנקרעטע אויפטוען קען מקוים ווערן דער אויסגעבענקטער ווידערוואוקס (שטענצלס אויסדרוק). פאר די גרופעס יוגנטלעכע וואס קערן זיך אום צו יידיש איז אט א דער מהות סיי א טיפע אינספיראציע צו אהבת יידיש סיי א ממשותדיקער וועגווייזער צו בפירושדיקע מעשים.

די צוקונפט פון וועלכער ניט איז שפראך איז אפהענגיק אין דער יוגנט און מיר פרייען זיך אלע וואס אין משך פון די לעצטע צען יאר האבן זיך באוויזן אויף דער יידישער גאס אין מלכות בריטאניע יוגנטלעכע סטודענטן וואס נעמען זיך צו יידיש. מיטן יונגן דור לערנט מען שוין יידיש אין לאנדאן, אקספארד, קיימברידזש, בעלפאסט און אנדערע צענטערס. אמת, דער סך־הכל פון יוגנטלעכע וואס גיבן זיך אפ ערנסט און מיט פלייס איז א לפי־ערך קליינינקער דא אין בריטאניע. אבער דער מהלך פון גארניט ביז א יש איז א סך א וויכטיקערער — און מוז זיך פארלויפן פריער — איידער דער מהלך פון הונדערט ביז טויזנט. די שפראצן פונעם ווידערוואוקס זיינען שוין בנמצא, טא לאמיר זיי קולטיווירן, די מעגלעכקייטן אויף להבא ווייזן זיך קלאר פאר די אויגן אונדזערע, טא לאמיר זיי אויסנוצן. פאר יידיש אין ענגלאנד איז דער פערציקסטער יובל־טאג פון ״לשון און לעבן״ א יום־טוב און א נצחון. זאל מען אנגיין מיט דער ארבעט פאר אונדזער יידיש לשון אין היינטיקן יידישן לעבן אין ענגלאנד און דערמיט אליין וועט ביי אונדז אלעמען ווייטשעפל אין אונזער אייביק לעבן עקסיסטירן.